# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

482 40סטער יארגאנג אפריל 1980 לאנדאן

**אינהאלט**

זייט

הונדערט יאר שלום אש, ווייטשעפל, 19־טן אפריל • • • 3
צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא ...... מאיר באגדאנסקי 9
מגילת אסתר ........................ אסתר ערליכמאן 12
א סדר מיט א שיקסע, דערציילונג .................... הערמאן אויזעראוויטש 14
מיין דריי־טאגיק יינגעלע, ליד .................... מעינקע קאץ 17
פאר אלטע ידידים, ליד .................... ארנאלד וועסקער 18
די שריפטן פון שמואל לעווין .................... יוסף לעפּטוויטש 18
"גיי־פאקס" נאכט (א מעשהלע) .................... לאה ראבינסאן 20
יידיש טעאטער אין ענגלאנד 1979/80 .................... הערי אריעל 22
מאיר ניסענבוים ע"ה .................... אייזיק גאלדבערג 24
מרדכי יחסן — דער אדעסער משורר .................... סעם גאלדבערג 26
ש. גאלדשמידטס "יידישקייט" .................... אייזיק גאלדבערג 29
לידער .................... א.נ. שטענצל 30
די טויבן פון סקווער .................... שלום אש 35

רעדאגירט: א. נ. שטענצל

פרייז: 30 פענס

יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראוו, א.1.

Published and edited by A. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, and printed in England by Cazenove Printers, 9 Cazenove Road, London, N16 6PA. (01-806 1026)

## הונדערט יאר — שלום אש

אונזערע טויזנט יידישע שטעטלעך,
אויסגעשחטענע, פארברענט, פארטריבן,
אומשטערבלעך און געאייביקט געבליבן
אין שלום אשס „שטעטל" אויפגעשריבן!

אונזער הארציקע היימישע מאמע,
איר הארץ — א הייליק בוך אזוי אפן!
אליין נישט דערעסן, נישט דערשלאפן,
אין לעצטע רעגעס נאך פול מיט האפן.

אונזערע הארציקע יידישע מאמע,
פון א ליידיקן טעפל דערנערן
א משפחה זאלבע־צוועלף, זאט ווערן,
באשמאלצן מיט אירע הייסע טרערן.

פון „מאטקע גנב" ביזן „תהלים־ייד" —
ביזגל אין הימל איין גרויסע לייטער!
מיט אונז גאנצן, גרויסן גלות גייט ער,
ביז דערגיין אויף איר — אויב נישט נאך ווייטער.

און וואו נישט מיט זיין פאלק מיטגעגאנגען?
עס צו באזינגען, עס צו באשרייבן,
און פונם הארץ וואר דערין צו גלייבן — —
מיט זיין פאלק אייביק וועט ער פארבלייבן.
— — — — — — —

זיין נאמען צומאל דערמאנט אינם אש,
וואס פון די טויזנט שטעטלעך געווארן —
געברענט ווי גאטס ברענענדיקער דארן,
דאך נישט גאנץ פארלענדט אין טאג פון צארן —

• • •

ביי קלאסיקער גייט ס׳פאלק נאך אין שול־קלאס,
שריפטשטעלער מוזן שוין שטעטלעך האבן — —
פארברענט זיי זיינען, קברים דעגראבן,
ארום געקרא פון רציחה־ראבן.



## ווייטשעפל

דריי ווייטשעפל־געבוירענע יידן: א בארימטער ענגלישער שרייבער, א לעקטאר — א פראפעסאר און א פילם־מענטש האבן געשאפן און אויפגעפירט א פילם „ווייטשעפל". דער יידישער טייל האט פארנומען א פיינעם בהרבחדיקן און נישטקשהדיקן פלאץ. פאר אונז יידישע יידן באטייט דאס ווארט „ווייטשעפל" דאך נאך עפעס מער.

ווייטשעפל איז געווען פאר אונז רוסישע, פוילישע, רומענישע יידן די בריק קיין אמעריקע, אפריקע, אויסטראליען. פון דא האבן מיר באקומען מעגלעכקייט, אז ארץ־ישראל זאל זיך פארוואנדלען אין א „יידישן שטאאט" — צו א יידישער מדינה.

דא האט אהרן ליבערמאן אנגעשריבן די ערשטע סאציאליסטישע פארטיי־סטאטוטן אויף העברעאיש און יידיש.

אהער דא קיין ווייטשעפל, האט פון ניו־יארק דער ערשטער יידישער סאציאליסטישער פאעט, דוד עדעלשטאדט, געשריבן צו מאריס ווינטשעווסקין: „אין דיין טינטורן אין ווייטשעפל האב איך איינגעטונקען מיין פעדער צו שרייבן מיינע לידער". דא האט דער גרויסער פאעט מאריס ראזענפעלד געטראגן די ניימאשין אויף זיין אקסל, גייענדיק צו זיין זעכצן־שעהדיקן ארבעטס־טאג.

דא אין ווייטשעפל האט ד״ר טעאדאר הערצל געהאלטן זיין ערשטע ציוניסטישע רעדע און דא אין ווייטשעפל האט זאב זשאבאטינסקי געגרינדעט דעם יידישן לעגיאן.

פון דא האבן צענדליקער טויזנטער יידן, אנטלאפענע פון די צארישע פאגראמען, פארדינענדיק די ערשטע צען פונט, זיך געלאזט קיין אמעריקע, וואו מיר האבן יעצט זעקס מיליאן יידן — בלי עין־הרע.

דא האבן נחום סאקאלאוו און חיים וויצמאן דערפירט צו דער גרינדונג פון מדינת־ישראל, וואס ציילט שוין איבער דריי מיליאן יידן — כן ירבו!

יא, פון דא האבן זיך די ערשטע יידן אריבערגעכאפט קיין ארגענטינע, אפריקע און אויסטראליען, וו ס׳געפינען זיך יידיש ישובים.

יא, ווי אויסגעליידיקט איצט ווייטשעפל זאל שוין נישט זיין פון יידן און פון צענדליקער טויזנטער אמאל, זעט זיך נאך קוים הונדערטער; און א יידיש הדרת־פנים, מיט בארד און פיאות, איז א „ציגעפארענער" פון סטאמפארד־היל, אדער גאלדערס־גרין... און אן „ארבעטער־רינג"־מענטש זעט מען שוין לגמרי נישט. וועט טאקע ווייטשעפל שוין בלייבן אין אונזער הארץ און לשון איינס פון אונזערע געהייליקטע יידישע שטעטלעך.

• • •

אונזערע צוויי שלום־עליכם און י.ל. פרץ־לייענער, אייזיק גאלדבערג און נעט רובין און אונזער זינגער, סעם גאלדבערג, דער אקטיאר, וואס איבער פערציק יאר זיינען זיי אקטיוו ביי די „יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס", זיינען שוין, ב״ה, געזונט און ארויס פון די שפיטעלער. די ערשטע צוויי זיינען שוין ווידער טעטיק ביי די „ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס". סעם גאלדבערג

איז נאך דערווייל אין אן ״ערהאלונגס־היים״, און מיר האפן אים באלד צו זען
ביי אונז, כדי צו הערן אים זינגען די זיסע פאלקס־געזאנגען.
האב איך דאך אויך שוין געמיינט, אז מיינע לעצטע כוחות גייען אויס!
דאך מיך צוזאמענגענומען און דער נומער 2 ״לשון און לעבן״ פארן יאר
1980 דערשיינט דאך צום 19טן אפריל. מילא, איז ער נישט מער ווי א חודש
זשורנאל, נאר צוויי נומערן יערלעך.

זייגען דאך די ״יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס״ און דער זשורנאל
״לשון און לעבן״ דאס, מיט וואס יידיש־וויטשעפל איז פארבונדן איבער דער
גארער יידישער וועלט —

אמת, א קאפ שווערלעך,
צומאל צוויי בלויז יערלעך דאך!
ווי לאנג ס׳גראמט זיך נאך.

נ.ב. אין לאנדאן גייט נאך ארויס אין די לעצטע יארן א יידישער זשורנאל
״יידישקייט״, וואס זיין רעדאקטער איז י.ח. קלינגער, מיט א קורצער צייט צוריק
איז דערשינען זיין פערטער נומער. אויך א חודשלעכע צייטונג ״דאס יידישע
פאלק״ רעדאקטירט פון י.א. ליסקי און א יידישע ביילאגע צו דער וואכן־ציי־
טונג וואס די אגודה גיט ארויס.

• • •

דער הייגטיקער נומער ״לשון און לעבן״ האט געזאלט דערשיינען צום
19טן אפריל, צום יום־הזכרון פונם ווארשעווער געטא אויפשטאנד. נו, מילא,
וועט ער זיין א נדחה אויף פסח שני.

שרייב איך דאך די שורות שוין צו, שוין נאך דער גרויסער פערזאמלונג
פון אלע יידישע געזעלשאפטן, — נאך נישט קיין חצי־אלף יידן,
אין א כרך פון איבער 200,000 יידן כ.י.

די פאלאקן פון מאזאאישן גלייבן פראעו נאך דא אפילו זייער ״רעלידזשן״
— כל הכבוד!

איך אבער האב מיך ערשט געפילט שטאלץ ווי א פוילישער ייד—ארויסגיי־
ענדיק פון ״דער״ זכרון־פערזאמלונג נאכן פוילישן יידנטום, אן איין ווארט
יידיש, אן דערמאנען פון זייער ליטעראטור־ און קולטור־שאפונג—שטייענדיק
דרויסן פארקויפנדיק ״לשון און לעבן״, וואס גייט ארויס דא אין מלכות
ענגלאנד, א ליטעראַרישער זשורנאל אין מאמע לשון, אין יידיש; נאטירלעך,
לויט אונזערע באשיידענע כוחות.

• • •

פריינט פון יידיש, דער בונד, דער ״יידישער לעזע רום״ האבן אפגעהאלטן
אין אדלער הויז דעם אוונט לזכרון פונם ווארשעווער געטא אויפשטאנד. דער
באקאנטער אקטיאר בלומענזאן האט געמאכט דעם ״מלא רחמים״ און קדיש גע־
זאגט. מיט רעדעס און רעציטאציעס האבן זיך באטייליקט מאיר באגדאנסקי,
אסתר ערליכמאן, ראובן עדעלמאן און דעם שרייבער פון דעם ארטיקל.



## סאטע־פאטער (צום 19־טן אפריל)

טויזנט שטעטלעך חרוב געמאכט,
זעקס מיליאן געקוילעט, פארברענט;
דער מערדער, ס׳בלוט נאך אויף די הענט,
אין פנים אריין אונז שוין לאכט.

ווידער אנהויבן ר׳איז שוין גרייט,
געגנוג אויסגערוט זיך ער האט — —
איז דאס דיין שליח, א גאט?
צו דיין שליחות גרייט ער שטייט.

גרויס רחמנות איך האב אויף דיר!
אז ווער איז ער דער מערדער, ווער?
און אין זיינע הענט דאס געווער?
דאס צו פארשטיין ס׳איז שווער פאר מיר.

ווי גערעכט צומאל זאלסט נישט זיין,
און אויב דו טוסט דאס, וואס דו טוסט,
ווייל צו טון טון אזוי דו מוזט — —
קיין כל־יכול ביסטו נישט — ניין!

יא, עיקר שכחתי:

ווי ליב מיין טאטע מיך געהאט,
דאך בעסער געוואלט מיך זען טויט,
איידער חלילה וחס פארגוי׳ט,
השם ישמרנו — געשמדט!

פאראן אזוינס קיום צו פארשטיין,
אזוינס וואס הערט קיינמאל ניט אויף
כביכול, איינס מיטן אין־סוף —
״אחד״! מיטן אייביקן זיין.

## ״יתגדל ויתקדש״

״יתגדל ויתקדש״ — — .
איך קאן קיין קדיש נישט זאגן!
נאך דאנקן אפשר דערפאר?
און זיינען ווערטער פאראן
אויף אזא חורבן צו קלאגן?

טויט־שטיל עס שטייט מיין הארץ,
בלויז מיין שוועסטער צו דערמאנען
איר געהייליקטן נאמען!
און דא זעקס מיליאן קדושים — —
איז אזא קללה פאראנען?

זעקס מיליאן אויסגעהרגט!
טויזנט שטעטלעך גאנץ פארטיליקט
וואסער זינד נישט באגאנגען,
און א כאל מלא רחמים,
אזעלכעס א האט באוויליקט?

יתגדל — גרויס איז דער צער
ווערטער דערפאר צו געפינען;
אז בלויז צו טראכטן דערפון,
פון דעם וואס עס איז געשען,
אראפ ממש מ׳קאן פון זינען.

## „זכור את אשר עשה לך עמלק“

וואס אונזער דור געשען,
נישט בלויז נאר די הארפן,
זיך אליין אויפהענגען
געמוזט מיר באדארפן.

די בושה, די חרפה
אין אזא וועלט לעבן — —
אז אט־אט רעדט מען שוין
די מערדער פארגעבן.

ניין, נישט אויף די קדושים,
אויף אונז־א די טרערן —
מיט פרישע שילומים
שותפים פריש מיר ווערן.

עס וועט דאך אמת זיין
אלצדינג וואס זיי זאגן:
א גוט געשעפט געמאכט,
און דאס טוט נאך קלאגן.

אויסגערויכערט מ׳האט אונז,
ווי ווערעם, ווי וואנצן,
און כאטש גיי איצט מיט זיי
א מצוה־טענצל טאנצן —

מיר, די געבליבענע,
פארגעסן, פארגעבן?
נישט ווערט זיין מיר וועלן
וואס געבליבן לעבן!

## ירושלים

### א

י—רו—ש—ל—ים של־מעלה
טאטע יעקב שוין דערגאנגען,
געלייטערט אין יסורים־טרוימען,
מיט הימליש טיפסטע פארלאנגען.

מיט העכסטע מלאכים־טרוימען
ווייטסטע הימלען צו דערלאנגען,
טאטע יעקב, דער ערשטער ייד,
גלות־אפריכטן געגאנגען.

און נישט נאר עשיו הרשע,
און נישט בלויז דער עבד ישמעאל,
הימלישע, העכסטע מלאכים
באזיגן גיים טאטע ישראל.

און וואס נידריגער דערלאנגען,
יסודות טיפער דערקלעטערט;
צום העכסטן סוד פונם אחד —
די י״ג מידות פארגעטערט!

און ביזגל צום היינטיקן טאג
איין לייטערן זיך מיר האלטן —
די אייביקע חלום־ירושה
טאטן יעקבס, אונזער אלטן —



געגאנגען, געגאנגען, געגאנגען,
ווילאנג וועט דאס נאך דויערן?
דער לעצטער פארלוירענער דור און,
דער חלום, חלילה, פארלוירן — —

### ב

ווען איך בין אויף דיינע בערג,
ירושלים, געגאנגען,
ממש זינגען כ׳האב געהערט,
זיסע מלאכים־געזאנגען.

העכסטן, זיבעטן הימל,
מיינע הענט געטון דערלאנגען;
זע, ס׳קאן מקוים ווערן
גאר ערשטע קינדער־פארלאנגען.

אזא טויט־פארמאטערטער
פון א ווייטן וועג א לאנגען,
וואנדערט צווישן צייטיקע,
וויגנדיקע ווייצן־זאנגען.

א פריילעך־באפרייטער פון
פינסטערער תפיסה געפאנגען,
איבער זיין קאפ געפלאטער,
פויגל־פריידיקע געזאנגען.

## ערב פרילינג, 1980

צו וואס זיך נאך „מענטשען“,
שוין נישט דערפאר קיין ווארט מער?
צו וואס טויג זון אין אויג,
צו שפיגלען זיך אין א טרער?

וואס ווערט זי דען די טרער,
א געפאלענע צו דר׳ערד?
ווי ס׳ליד אזוי טרויריק,
וואס קיינער נישט מער דערהערט.

וואס זיין דען דעם טוי־טראפ,
דערזען אין אפענער בלום,
ווען שטיין בלייבן פאר איר
אן ווארט, א געלעמטער, שטום?

אז כ׳וועל דאך דערשלעפן,
נאך מידער מיין הארץ וועט זיין —
כ׳וועל קוקן, קוקן און
גארנישט דערפילן, פארשטיין.

וואס נוצט עס, וואס טויג עס,
מ׳שעמט זיך דאך פאר זיך אליין,
מיט א טרער אין אויג
פרילינג אקייגנצוגיין.

## פרילינג

א

גיב נאר א קוק —
ווי בלוי דער הימל קאן ווערן!
ערשט נעכטן נאך
פול ער איז געווען מיט טרערן.

ס׳מוטנע הארץ מיינס
באלאדן מיט טרויער שווערן,
הער די פייגל
פון לענדער ווייט זיך אומקערן.

ס׳זינגען זייערס
פון מזרח־זייט לאזט זיך הערן!
ווי חושך ס׳איז,
הימל צעפונקלט פול שטערן.

הארץ מיינס, הער אויף
בייזע געדאנקען צו קלערן — —
אין איין רגע
און גוט אלצדינג עס וועט ווערן.

ב

נישט זען מער די פייגל
קומענדיק צו פליען?
דעם פרילינג שוין אליין
מיט א בלימל אויפבליען?

מיין לעצט לידל אצינד
נישט קענען שוין דערשרייבן?
א נישט־דערענדיקטס ס׳וועט
פאריתומט ליגן בלייבן?

קיין צו גרויסער שאדן,
חלילה, נישט געוועזן!
און אז כ׳וועל׳ס ענדיקן
צי וועט עס ווער דען לעזן?

א, איך וועל שוין מיין ליד
טיף אין דער ערד דערשרייבן,
לייענען וועט עס א ראט, מייז
הערן זיך ארומקלייבן.

ג

דער אלט פארדארטער בוים ביים
גארטן־צוים,
ס׳נעמט אן א געוויין מ׳זעט אים
אזוי שטיין;
אלע ביימער ארום ליכטיק צעשיינט
אזוי טרויעריק שטייט נאר ער אליין.

אינמיטן פליגקן פלי א פייגעלע,
צווישן זיין געצווייג בלייבט שטיין
ווי פארשטיינט —
ניין עס זינגט נישט מיט זיין זיס
קול בחנט,
דעם פארוועלקטן אלטן בוים עס
באוויינט.

ממש געזען כהאב: א ציטער געטאן
עס האט דער ביים מיט זיין דארן
געצווייג,
ווען אוועקגעפלויגן דאס פייגעלע—
מיר קוקן זיך איבער מיט שטיל
געשוויג:

יא, א פייגעלע קאן אוועקפליען,
ווי קליין עס איז, עס האט פליגלעך
צוויי — —
איך א טרויריקער, מרה־שחורהקער
ווי געשטאנען איך בין, אלץ איך
שטיי.

ד

ס׳ווערט אויפן הארץ, אזוי גוט,
א גרין גרעזל מען זעט;
צום בליענדיקן בעז־בוים
ווי מיט געבעט מען טרעט.

זע, א פייגל־חתונה
פון דער חופה צוריק —
דאס הארץ פלאטערט אקעגן
דער הימלישער מוזיק.



ווי עס ציטערט, ווי עס שוועבט —
שוואלב ליד צו דער זון זינגט!
״אויב נישט נאך העכער״ ווען טיף
אין ליד מענטש גאנץ פארזינקט.

ליכטיק צעשטראלטער הימל
די פינסטערע ערד ווערט —
זע, א שטערן פליט אראפ
א.ון צום ליד זיך צוהערט.

א טרויעריק הארץ אבער,
בלייבט מרה־שחורהדיק שטיין

אין יסורים־צער צעקוואפט
אין זיין קוואל און געוויין.

מאיר באגדאנסקי —

## צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

דאס סאמע כאראקטעריסטישע פון די אויפשטאנדן סאי אין די געטאס סאי אין די קאנצענטראציע־לאגערן (און עס זיינען פאראן באווייזן פון 32 ערטער — געטאס און קאנצענטראציע־לאגערן — אין וועלכע עס זיינען פארגעקומען באוואפנטע אויפשטאנדן) איז וואס נאר און אויסשליסלעך יידן האבן דורכגע־פירט אפענע, פנים אל פנים, אויפשטאנדן געגן די נאציס. די אונטערדישע אנטי־נאצי באוועגונגען אין אלע לענדער אונטער נאצישער אקופאציע האבן געפירט זייער קאמף אין געהיים. און נאך א זאך איז כאראקטעריסטיש, אז דעם קאמף קעגן די נאציס האבן .געפירט אלע יידן — אין די פארשידנסטע פארמען אויף די פארשידנסטע געביטן.

די נאצישע צעווילדעוועטקייט — פאר וועלכער עס איז נישטא קיין פאסיק ווארט, מיט וועלכן עס צו באצייכענען — האט נישט געקענט מאכן די יידן פאר־לירן דעם צלם־אלקים. מען האט איינגעשטעלט הילפס־אנשטאלטן סאי פון סאציאלער שטיצע סאי פון מעדיצינישער הילף, שולן עלעמענטארע און מי־טלע, אוניווערסיטעטן, קונסט־אקאדעמיעס, מוזייען, קונסט־אויסשטעלונגען, טעאטערן און אנדערע. אלע די דאזיקע אנשטאלטן זיינען געווען שטרענג געהיים, ווייל זיי זיינען געווען פארבאטן פון די נאציס.

די יידן אין די געטאס זיינען געווען הערמעטיש פארשפארט און פארמשפט אויסצוגיין פון כסדרדיקן הונגער, פון כלערליי קרענק און פון אלע נגישות — קען ווער באנעמען וואס פאר א מאראלישע גבורה; וואס פאר א גייסטיקע דער־הויבנקייט מען מוז באזיצן, כדי אין אזעלכע באדינגונגען אויך זיך צו פאר־נעמען מיט פראגן פון רוחניות?

און די אויפשטענדלער? די צוגעהעריקע צו די אונטערערדישע אנטי־נאצי באוועגונגען אין אלע לענדער זיינען געווען יונגע, קרעפטיקע מענטשן. אין קיין געטאס זיינען זיי נישט געווען פארשפארט ;; הונגעריק זיינען זיי נישט געווען; געלט צו פירן זייער טעטיקייט — אן אויסערסט וויכטיקע טעטיקייט — האבן זי געהאט גענוג. אבער זייער טעטיקייט האבן זיי געפירט אין געהיים, ווי גערילאס. קיין אפענעם קאמף האבן זיי נישט אויפגענומען. אבער די אויפ־שטענדלער אין די געטאס און קאנצענטראציע־לאגערן זיינען געווען אויסגע־מאגערט און שוואך פון כסדרדיקען הונגערן; קיין געלט האבן זיי נישט געהאט;

קיין הילף פון דער דרויסנדיקער וועלט האבן זיי נישט באקומען; דאס ביסל נעבעכדיקע געווער, וואס זיי האבן זיך פארשאפט, איז געווען פארן פרייז פון זייערע מאגערע שפייז־ראציעס; און זיי האבן אויפגענומען אן אפענעם קאמף מיט דער מעכטיקער דייטשער ארמיי. און אויך אזוי ביטער איז געווען די לאגע אין די געטאס, זיינען דאך די באדינגונגען אין די קאנצענטראציע־לאגערן געווען נאך שרעקלעכער. און אויך אין זיי זיינען פארגעקומען באוואפנטע אויפשטאנדן. קען ווער באנעמען די קדושה און גבורה, צו וועלכער זיי האבן זיך דערהויבן?

זייט יארן שוין גיט מען אונז אנצוהערן, אז עס איז געקומען די צייט צו פארגעסן דעם דאזיקן שרעקלעכן פעריאד אין אונזער געשיכטע און צו פארגעבן די פארברעכער. פארגעבן — איז א גרויסע מידה טובה. סליחה און מחילה איז ביי אונז יידן א גאר גרויסער פרינציפ. אבער וואס איז דער ציל פון פארגעבן? און וועמען פארגיט מען? מען פארגיט נישט א פארברעכער, כדי ער זאל קענען ווייטער אנגיין מיט זיינע פארברעכנס; איידער מען פארגעט אים, מוז מען האבן א באוויז, אז ער איז, מינדעסטנס, אויפן וועג צו ווערן אן ארנטלעכער מענטש און אז ביים פארגעבן אים וועט מען אים דערמעגלעכן צו ווערן א נוצלעכער מיטגליד פון דער געזעלשאפט. מיט אנדערע ווערטער: דער פארברעכער מוז דערווייזן, אז ער איז ווערט די פארגעבונג, און די ערשטע זאך, וואס מען דערווארט פון אים, איז אן אויסדרוק פון חרטה פארן אפגעטוענעם. און דא קומען מיר צו דעם, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די טויזנטער און טויזנטער לעבעדיקע געוועזענע(?) נאצים. אין מערב־דייטשלאנד גייען כסדר אן געריכט־פראצעסן קעגן נאצים פאר זייערע מעשים־תעתועים אין יענע צייטן, אבער עס האט נאך נישט געטראפן קיין איין פאל, אז וועלכער נישט איז פון די אנגעקלאגטע זאל זיך צעוויינען בעת די געריכטס־פארהאנדלונגען און זאגן „חטאתי!" און בעטן מחילה. זיי באמיען זיך צו דערווייזן, אז זיי זיינען נישט שולדיק אין די זיי פארגעווארפענע פארברעכנס אדער גאר, אז זיי האבן אזוי געהאנדלט אין זעלבסט־פארטיידיקונג. קיינער פון זיי טראגט נישט אין זיך קיין שום שולדיקייטס־געפיל, קיינער פון זיי בעט קיין אנטשולדיקונג. טא וואס וועט ארויסקומען פון אזא פארגעבונג? ווער קען זאגן מיט זיכערקייט, אז ווען די זעלבע מנובלים וואלטן איצט געהאט א געלעגנהייט דערצו, וואלטן זיי נישט איבערגעחזרט דאס זעלבע?

אבער, אויב עס וואלטן נאך געקענט זיין אומשטענדן ביי וועלכע מען וואלט געקענט פארגעבן, איז פארגעסן אוממעגלעך. וואס מיינט דאס פארגעסן? וויאזוי קען מען פארגעסן, אז מען האט געהאט א טאטן, א מאמע, ברידער, שוועסטער, א ווייב, א מאן, קינדער, משפחה, פריינט, שכנים און קיין זכר פון זיי נישט איבערגעלאזט!... אומגעבראכט זיי מיט א ברוטאלקייט, וועלכע האט נישט אירס גלייכן אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט און וועלכע אונזער פאנטאזיע קען זיך גארנישט פארשטעלן?! און אפגעטון האבן עס נישט עפעס אפאר כוליגאנעס. נאר א גאנץ פאלק האט געהאט א האנט דערין! ווען



מען זאל פרואוון מיט אלע כחות דאס צו טון, וואלט עס געווען מעגלעך צו געמעגט פארגעסן? וואס מיינט דאס אזוינס פארגעסן? פארגעסן מיינט פארלייקענען אט די אלע מעשים תעתועים; פארלייקענען דאס פארטיליקן פון אונזער פאלק. וואס פאר א נוצן וואלט דאן ארויסגעקומען דערפון?

עס פעלן נישט קיין מנובלים אין אלע לענדער, וועלכע פארערן דעם ערץ־מנובל, דעם גרינדער פון דער נאצי־באוועגונג. וועמענס נאמען קען דא, ביי די זעקס אנגעצונדענע ליכט, נישט דערמאנט ווערן, מחמת זיין טומאהדיקייט, און וועלכע זאגן אונז צו טון ווידער א מאל דאס זעלבע, אויב עס וועט זיי נאר געגעבן ווערן א געלעגנהייט דערצו. אמת, זייער צאל איז נישטיק. אבער א באציל, ווי נישטיק ער זאל נישט זיין, אויב ער ווערט נישט פארניכטעט, דראט די געפאר, אז ער זאל זיך צעוואקסן און פארניכטן דעם ארגאניזם. דער אופן וויאזוי צו האלטן אין צוים אט די דאזיקע נייע נאצים — אומאפהענגיק פון דעם ווי זיי רופן זיך — איז דווקא צו האלטן לעבעדיק אין זכרון די מעשים תעתועים פון די נאצים און דערמיט אויפקלערן אלע מענטשן צו וואס אומגעצוימטע שנאה קען דערפירן. און אזא שנאה, ווען זי צעפלאקערט זיך, בלייבט נישט שטיין ביי דער פארניכטונג בלויז פון איין גרופע מענטשן. עס זיינען פאראן אויטענטישע, נאצישע דאקומענטן, לויט וועלכע עס איז צו זען, אז זיי האבן שוין געהאט א פלאן אויסצוראטן אלע סלאווישע פעלקער און נאך אנדערע פעלקער. אויף דער וועלט האט געזאלט בלייבן בלויז דאס דייטשע פאלק — דאס „העררן־פאלק", ווי דער ערץ־מנובל האט זיי גערופן. די יידן זיינען בלויז געווען די ערשטע אומגעבראכט צו ווערן, אבער נישט די איינציקע.

עס איז נאר צו באדויערן וואס עס פאלט אויס בלויז אויף אונז, די יידן פון פוילן, צו שרייען אל־תשכח! מען דארף זיך נישט נארן — די הי־געבוירענע יידן באטייליקן זיך אין אן אויסערסט מינאמאלער צאל אין די געטא־פייערונגען. מאכט דאס גרעסער אונזער אויפגאבע צו דערמאנען דער וועלט, וואס די דייטשן האב.ן אפגעטון אין יענע יארן.

מיר, די דירעקטע אבלים נאך די, וועמענס אנדענק מיר פייערן דא, פאר אונז איז קיין פארגעסן נישט מעגלעך. זיי שטייען פאר אונזערע אויגן טאג־איין טאג־אויס, פון דעם מאמענט, ווען מיר עפענען אונזערע אויגן פון שלאף אין פרימארגן ביז מיר לייגן זיך צוריק צום שלאפן. פארוויסט זיינען אונזערע לעבנס און צעבראכן אונזערע הערצער. און קיין קברים, וואו מיר זאלן קענען קומען אויף קבר־אבות, זיינען נישט פאראן. קומען מיר אהער צו די זעקס אנגעצונדענע ליכט, וועלכע סימבאליזירן פאר אונז זייערע זעקס מיליאן אויסגעלאשענע לעבנס און דא גיסן מיר אויס אונזערע הערצער אויף דעם אומגליק, וואס עס האט יעדן פון אונז געטראפן ווי יחידים און אויף דעם אומגליק, וואס עס האט אונז געטראפן ווי א פאלק. דא געבן מיר אפ כבוד די קעמפער פון ווארשעווער געטא און אין אלע אנדערע געטאס, די קעמפער פונם קאנצענטראציע־לאגער אין טרעבלינקע און אין אלע קאנצענטראציע־לאגערן; דעם קדוש ארטור זילגבוים, וועלכער האט דא אין לאנדאן זיך געבראכט א קרבן

קיין הילף פון דער דרויסנדיקער וועלט האבן זיי נישט באקומען; דאס ביסל נעבעכדיקע געווער, וואס זיי האבן זיך פארשאפט, איז געווען פארן פרייז פון זייערע מאגערע שפייז־ראציעס; און זיי האבן אויפגענומען אן אפענעם קאמף מיט דער מעכטיקער דייטשער ארמיי. און אויך אזוי ביטער איז געווען די לאגע אין די געטאס, זיינען דאך די באדינגונגען אין די קאנצענטראציע־לאגערן געווען נאך שרעקלעכער. און אויך אין זיי זיינען פארגעקומען באוואפנטע אויפשטאנדן. קען ווער באנעמען די קדושה און גבורה, צו וועלכער זיי האבן זיך דערהויבן?

זייט יארן שוין גיט מען אונז אנצוהערן, אז עס איז געקומען די צייט צו פארגעסן דעם דאזיקן שרעקלעכן פעריאד אין אונזער געשיכטע און צו פארגעבן די פארברעכער. פארגעבן — איז א גרויסע מידה טובה. סליחה און מחילה איז ביי אונז יידן א גאר גרויסער פרינציפ. אבער וואס איז דער ציל פון פארגעבן? און וועמען פארגיט מען? מען פארגיט נישט א פארברעכער, כדי ער זאל קענען ווייטער אנגיין מיט זיינע פארברעכנס; איידער מען פארגעט אים, מוז מען האבן א באווייז, אז ער איז, מינדעסטנס, אויפן וועג צו ווערן אן ארנטלעכער מענטש און אז ביים פארגעבן אים וועט מען אים דערמעגלעכן צו ווערן א נוצלעכער מיטגליד פון דער געזעלשאפט. מיט אנדערע ווערטער: דער פארברעכער מוז דערוויזן, אז ער איז ווערט די פארגעבונג, און די ערשטע זאך, וואס מען דערווארט פון אים, איז אן אויסדרוק פון חרטה פארן אפגעטוענעם. און דא קומען מיר צו דעם, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די טויזנטער און טויזנטער לעבעדיקע געוועזענע(?) נאצים. אין מערב־דייטשלאנד גייען כסדר אן געריכט־פראצעסן קעגן נאצים פאר זייערע מעשים־תעתועים אין יענע צייטן, אבער עס האט נאך נישט געטראפן קיין איין פאל, אז וועלכער נישט איז פון די אנגעקלאגטע זאל זיך צעוויינען בעת די געריכטס־פארהאנדלונגען און זאגן "חטאתי!" און בעטן מחילה. זיי באמיען זיך צו דערוויזן, אז זיי זיינען נישט שולדיק אין די זיי פארגעווארפענע פארברעכנס אדער גאר, אז זיי האבן אזוי געהאנדלט אין זעלבסט־פארטיידיקונג. קיינער פון זיי טראגט נישט אין זיך קיין שום שולדיקייטס־געפיל, קיינער פון זיי בעט קיין אנטשולדיקונג. טא וואס וועט ארויסקומען פון אזא פארגעבונג? ווער קען זאגן מיט זיכערקייט, אז ווען די זעלבע מנובלים וואלטן איצט געהאט א געלעגנהייט דערצו, וואלטן זיי נישט איבערגעחזרט דאס זעלבע?

אבער, אויב עס וואלטן נאך געקענט זיין אומשטענדן ביי וועלכע מען וואלט געקענט פארגעבן, איז פארגעסן אוממעגלעך. וואס מיינט דאס פארגעסן? וויאזוי קען מען פארגעסן, אז מען האט געהאט א טאטן, א מאמע, ברידער, שוועסטער, א ווייב, א מאן, קינדער, משפחה, פריינט, שכנים און קיין זכר פון זיי נישט איבערגעלאזט!... אומגעבראכט זיי מיט א ברוטאלקייט, וועלכע האט נישט אירס גלייכן אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט און וועלכע אונזער פאנטאזיע קען זיך גארנישט פארשטעלן?! און אפגעטון האבן עס נישט עפעס אפאר כוליגאנעס, נאר א גאנץ פאלק האט געהאט א האנט דערין! ווען



מען זאל פרואוון מיט אלע כחות דאס צו טון, וואלט עס געווען מעגלעך צו געמעגט פארגעסן? וואס מיינט דאס אזוינס פארגעסן? פארגעסן מיינט פארלייקענען אט די אלע מעשים תעתועים; פארלייקענען דאס פארטיליקן פון אונזער פאלק. וואס פאר א נוצן וואלט דאן ארויסגעקומען דערפון?

עס פעלן נישט קיין מנובלים אין אלע לענדער, וועלכע פארערן דעם ערץ־מנובל, דעם גרינדער פון דער נאצי־באוועגונג, וועמענס נאמען קען דא, ביי די זעקס אנגעצונדענע ליכט, נישט דערמאנט ווערן, מחמת זיין טומאהדיקייט, און וועלכע זאגן אונז צו טון ווידער א מאל דאס זעלבע, אויב עס וועט זיי נאר געגעבן ווערן א געלעגנהייט דערצו. אמת, זייער צאל איז נישטיק. אבער א באציל, ווי נישטיק ער זאל נישט זיין, אויב ער ווערט נישט פארניכטעט, דראט די געפאר, אז ער זאל זיך צעוואקסן און פארניכטן דעם ארגאניזם. דער אופן וויאזוי צו האלטן אין צוים אט די דאזיקע נייע נאצים — אומאפהענגיק פון דעם ווי זיי רופן זיך — איז דווקא צו האלטן לעבעדיק אין זכרון די מעשים תעתועים פון די נאצים און דערמיט אויפקלערן אלע מענטשן צו וואס אומגעצוימטע שנאה קען דערפירן. און אזא שנאה, ווען זי צעפלאקערט זיך, בלייבט נישט שטיין ביי דער פארניכטונג בלויז פון איין גרופע מענטשן. עס זיינען פאראן אויטענטישע, נאצישע דאקומענטן, לויט וועלכע עס איז צו זען, אז זיי האבן שוין געהאט א פלאן אויסצוראטן אלע סלאווישע פעלקער און נאך אנדערע פעלקער. אויף דער וועלט האט געזאלט בלייבן בלויז דאס דייטשע פאלק — דאס "הערן־פאלק", ווי דער ערץ־מנובל האט זיי גערופן. די יידן זיינען בלויז געווען די ערשטע אומגעבראכט צו ווערן, אבער נישט די איינציקע.

עס איז נאר צו באדויערן וואס עס פאלט אויס בלויז אויף אונז, די יידן פון פוילן, צו שרייען אל־תשכח! מען דארף זיך נישט נארן — די הי־געבוירענע יידן באטייליקן זיך אין אן אויסערסט מינאמאלער צאל אין די געטא־פייערונגען. מאכט דאס גרעסער אונזער אויפגאבע צו דערמאנען דער וועלט, וואס די דייטשן האב.ן אפגעטון אין יענע יארן.

מיר, די דירעקטע אבלים נאך די, וועמענס אנדענק מיר פייערן דא, פאר אונז איז קיין פארגעסן נישט מעגלעך. זיי שטייען פאר אונזערע אויגן טאג־איין טאג־אויס, פון דעם מאמענט, ווען מיר עפענען אונזערע אויגן פון שלאף אין פרימארגן ביז מיר לייגן זיך צוריק צום שלאפן. פארוויסט זיינען אונזערע לעבנס און צעבראכן אונזערע הערצער. און קיין קברים, וואו מיר זאלן קענען קומען אויף קבר־אבות, זיינען נישט פאראן. קומען מיר אהער צו די זעקס אנגעצונדענע ליכט, וועלכע סימבאליזירן פאר אונז זייערע זעקס מיליאן אויסגעלאשענע לעבנס און דא גיסן מיר אויס אונזערע הערצער אויף דעם אומגליק, וואס עס האט יעדן פון אונז געטראפן ווי יחידים און אויף דעם אומגליק, וואס עס האט אונז געטראפן ווי א פאלק. דא געבן מיר אפ כבוד די קעמפער פון ווארשעווער געטא און אין אלע אנדערע געטאס, די קעמפער פונם קאנצענטראציע־לאגער אין טרעבלינקע און אין אלע קאנצענטראציע־לאגערן; דעם קדוש ארטור זילגבוים, וועלכער האט דא אין לאנדאן זיך געבראכט א קרבן

אויף זיין אייגענער עקדה אין יענע טעג, האפנדיק דערמיט צו באוועגן די מענטשן אין די מערב־לענדער צו ראטעווען די נאך ווינציק אין צאל לעבעדיקע יידן.

מיר דערמאנען דעם אנדענק פון אונזערע טאטעס און מאמעס, אונזערע ברידער און שוועסטער, אונזערע פרויען, אונזערע שכנים, אונזערע פריינט; אלע די, וועלכע גייען אריין אין דער ענדלאזער רשימה פון זעקס מיליאן פרויען, מענער, אלטע לייט און קינדער — א גאנצער מיליאן קינדער — וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן דורך די נאציס מיט די ווילדסטע מיתות־משונות בלויז דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען יידן! מיר גיבן אפ כבוד די ציגיינער, וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן דורך די נאציס אויף דעם זעלבן אופן און פונקט אזוי אומשולדיק ווי די יידן. דערביי פארלירן מיר נישט די האפנונג, אז סוף־כל־סוף וועט די מענטשהייט אין אלע לענדער קומען צו דער מסקנה, אז עס איז אומזיניק צו האסן אנדערע; אז די וועלט איז באשאפן גלייך פאר יעדן איינעם;; און אז יעדער יחיד און יעדע גרופע סאי עטנישע סאי רעליגיעזע האט די זעלבע רעכט אויף עקזיסטענץ אויף איר אופן און אז א הארמאניש צוזאמענלעבן צווישן אלע איז מעגלעך און איז א ברכה פאר יעדן איינעם.

— אסתר ערליכמאן

## מגילת אסתר

דער תנ״ך, דאס נאציאנאלסטע ווערק, וואס א פאלק האט ווען עס איז פון זיך ארויסגעגעבן און וואס נאר צוליב דעם טאקע האט עס געקענט ווערן א חלק פון דער גאנצער מענטשהייט; אט דאס דאזיקע ווערק, אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק דער גורל און כאראקטער פון יידישן פאלק, זיין מאראל און זיין געשיכטע; דער דאזיקער תנ״ך וואלט ניט געווען גאנץ, וואלט ניט געווען פאלקאם; עס וואלט אים געפעלט פון זיין אייביקן ווערט ווען עס וואלט אין אים ניט אריין די גלות־מעשה פון מגילת אסתר.

אן אט דער מגילה וואלט אין די כתבי־הקודש געפעלט א תקופה, א קאפיטל, וואס איז פון דעמאלט ביז איצט געווען דאס לענגסטע אין דער יידישער געשיכטע. מיט דער דאזיקער מגילת אסתר ווערט דער גורל און דער כאראקטער פון יידישן פאלק פיקסירט אין תנ״ך אין אלע זיינע גלגולים. די באציאונג מיטן ארום ווערט אויפסניי פעסטגעשטעלט, שוין ניט בלויז ווי א פאלק צווישן פעלקער, נאר ווי א ייד צווישן ני.ט־יידן, ווי א יידישער יחיד צווישן גוים.

מרדכי איז דער ערשטער ניי־צייטיקער ייד, וואס ציט אויף זיך די שנאה פונם גוי ממש בלויז מיט זיין עקזיסטענץ. המן איז דער ערשטער מאדערנער אנטיסעמיט, מיט אלע מאדערנע טענות. א פאלק צעזייט און צעשפרייט צווישן אלע פעלקער, זיינע געזעצן זיינען אנדערש ווי די געזעצן פון אלע פעלקער און די געזעצן פונם קעניג היט עס ניט!



המן איז ניט קיין פערזענלעכער שונא פון מרדכין, ער זעט אבער אין אים א רעפרעזענטאנט פון א שטאם, וואס ער האסט. לייכט וואלט עס אים אנגעקומען אויסצושטרעקן א האנט קעגן מרדכין אליין, נאר ווייל מ׳האט אים געזאגט ווער עס איז מרדכיס פאלק, האט המן שוין געוואלט פארטיליקן אלע יידן.

עס איז געבוירן געווארן די יידן־פראגע: פרעה האט פארשקלאפט א נאציע, וואס באוואוינט איינע פון זיינע עגיפטישע פראווינצן. דעמאלט איז עס נאך ניט געווען קיין וועלט־יידן־פראגע, בלויז אן עגיפטיש־יידישער ענין. אבער אין דער מגילה האבן מיר שוין אייגנטלעך די יידן־פראגע, פשוט ווי זי ווערט אויפגעפרישט און באנייט אין יעדן דור דורך איין המן און אן אנדערן.

לויט אונזערע היינט־צייטיקע באגריפן זענען מיר גענייגט זיך צו קרימען איבער דער מעשה אין מגילת אסתר: עפעס א דערציילונג ווי א ייד גיט איבער וואו מען דארף וועגן א פארשווערונג אויפן מלך, און צוליב אט דעם באקומט ער א צוטריט צום קעניגלעכן פאלאץ; א מעשה ווי א יידיש מיידל דערגרייכט צו ווערן א קעניגין, און דערגרייכנדיק צו אט דער מדרגה, זאגט זי ניט אויס ווער איר פאלק איז און ווער איר שטאם. איר שיינער העבראַישער נאמען — הדסה — פארוואנדלט זיך אין א פערסישן — אסתר (איסטאר).

בכלל איז דער גאנצער טאן און מאראלישער קלימאט אין מגילת אסתר אינגאנצן א נעבעכדיקער, א קנעכטישער. אלץ ממש הענגט אפ פון שתדלנות, פון נס, פון א גוט וו.ארט מצד א בארבארישן הערשער. אפילו מרדכי אליין, וואס נייגט זיך ניט און בוקט זיך ניט, באזיצט ניט דאס פנים פון נאטירלעכן, נאציאנאלן שטאלץ. ער מאכט דעם איינדרוק פון א להכעיס, פון א כיטרען מענטשן: ״איך וועל א.ים שוין ווייזן אט דעם המן, דעם כלב, דעם שונא ישראל! איך האב מער פארדינסטן לגבי דעם מלך אחשורוש ווי ער״.

ווי אומסימפאטיש אונזערע העלדן אין דער מגילה זאלן אונז היינט ניט אויסזעען, מוזן מיר דאך איינס מודה זיין, אז זיי זיינען אונזערע. אט אזוי האבן מיר געלעבט — מיט נסים, מיט צופאלן, מיט שתדלנות. אסתר, אונזער זשאן ד׳ארק, רייטנדיק אויף א פערד, פירט ניט קיין גרויסע חיילות צו דער שלאכט. זי איז אידל, א באחנט מיידל, וואס פאלט אריין א געפאנגענע אין א פרעמדער וועלט; געפאנגען אין א קעניגלעכן פאלאץ אריין, וואו זי וואגט ניט צו אנטפלעקן ווער איר פאלק איז, איר שטאם. אבער אין א געוויסן טאג, ווען מען וועט עס דארפן, וועט זי עס טון מיט דער גאנצער ליבשאפט צו איר פאלק, אפילו אין א סכנה פון טויט און מיט מסירות נפש אין איר יונג און קעניגלעך לעבן.

מרדכיס געטריישאפט צום מלך אחשורוש האט דעם זעלבן גרונט. עס איז א געטריישאפט, וואס קען ברענגען נוצן, נאר ווער ווייס דען וויאזוי נסים ווערן צוגעגרייט?

מיר זיינען אין גלות. די המנס לויערן. עס שאדט ניט צו האבן אין רעזערוו א גוטע, פאטריאטישע טאט. אין קאן שטייט דאך דאס לעבן פון א שטאם אין דער פרעמד. מערערע מאל איז עס אונז אויסגעקומען צו פארבייגן אונזער

פערזענלעכן כבוד . . . אזוי זשע אנטהאלט אין זיך מגילת אסתר דאס כאראק-
טעריסטעסטע פון יידישן מענטשן. אין דער לאנגער גלות-תקופה..
צוזאמען מיט אלע חלקים פון גאנצן תנ"ך אנטוויקלט זיך פאר אונז דאס
בילד פונם ייד אין אלע זיינע נאציאנאלע גלגולים. עס איז אייגנטלעך די
אייביקע יידישע פילאזאפיע, פארמולירט אין די ווערטער : בעסער א לעבעדי-
קער הונט ווי א טויטער לייב !

## הערמאן אויזעראוויטש

# א סדר מיט א שיקסע

[א מאנאלאג פון אן אלטן ייד]

אוי, א וועלט, א וועלט, זאג איך אייך ! הלואי וואלט איך עס נישט דער-
לעבט. איר קוקט מיך אן און מיינט, אז דער אלטער רעדט פון וועג, ר'איז עובר-
בטל ? ניין, ר'ייד, איך ווייס וואס איך רעד. — פסח היינט לאנדאן ? אז אך און
וויי צו אזא "פסח" ! . . .

אין דער אלטער היים בין איך געווען א שיינער בעל-הבית, געהאט א
שענק, וואס האט געשמט איבערן שטעטל. געהאט פיין פרנסה ; אויף אלע
יידישע קינדער געזאגט ! כ'פלעג גיין יעדן טאג אין בית-המדרש אריין דאווע-
נען צו זיין אן ערלעכער ייד. האב דערצויגן מיינע קינדער אויף א יידישן דרך
און, פארשטייט זיך, אפגעהיטן ימים-נוראים און ימים-טובים. אז עס איז געקו-
מען דער יום-טוב פסח פלעג איך אנגרייטן פון כל-טוב — א קליינקייט דער
סדר ? ! — איז עס טאקע געווען ביי מיר ווי ביים גרעסטן גביר . . .

אך, שטעלט איך נאר פאר ווען כ'האב מיך אוועקגעזעצט אנגעלענטער-
הייט אויפן ווייסן היסב-בעט אפצוריכטן מיין סדר, האב איך דאך באמת אויס-
געזעען ווי א מלך און מיין ווייב ווי א מלכה, מיט אונזערע קינדער ארום טיש.
מיין מוזיניקל, שלמהלע, האט דעמאלט געפרעגט די פיר קשיות, אזוי, אז מיין
חנהלע — זאל זיך מיען ! — און איך האבן ממש אנגעקוואלן, הערנדיק שלמה-
לעס זיס קול.

איך בין מיר ברייטלעך געזעסן במסובין און געזאגט די הגדה מיט אלע
געהעריקע ניגונים, און מיינע בני-בית האבן מיטגעזונגען. געקומען צום עסן,
האט מיין חנהלע — א ליכטיקן גן-עדן זאל זי האבן ! — דערלאנגט פון כל-טוב
צום טיש. אוי, איז דאס געווען א טיש ! ממש א .קעניגלעכער טיש, און גוט און
פריילעך איז אלעמען געווען אויפן. ה.ארצן . . .

די יארן אבער גייען אוועק, פליען ווי אומבאמערקט. די קינדער זענען
אונטערגעוואקסן, זענען זיי זיך צעלאפן, ווי פייגעלעך צעפלויגן, איבערלאזנדיק
טאטע-מאמע אליין אין דער נעסט. לכתחילה האט מען געשריבן בריוו צו זיך,
אבער איינציקוויז פארגעסן אין די עלטערן.

אזוי איז עס אנגעגאנגען ביז לסוף איז מיר שוין אויסגעקומען צו זיצן
איינער אליין מיט מיין חנהלען — זאל זיך מיען ! אך, וויפל טרערן האבן מיר
עס נישט פארגאסן ביי אזא איינזאמען סדר ! אבער מיר האבן זיך געטרייסט



דערמיט, וואס עס גייט אונזערע קינדער גוט — ברוך השם ! — אין די פרעמדע לענדער . . .

די צייט, ווי כ'האב שוין געזאגט, איז ווייטער געלאפן, און ס'האט זיך אנגערוקט די גרויסע וועלט-מלחמה, מיט פאגראמען אויף יידן, רחמנא לצלן. מען האט ראבירט יידיש האב און גוטס, מען האט געשלאגן און באליידיקט יידן און אין פיל פאלן אלץ צוגענומען.

נישט פאר אייך געדאכט, בין איך געבליבן פארארומט, נאקעט און בלויז, נישט געהאט וואו דעם קאפ אנידערצולייגן. מיין ליבע חנהלע, נעבעך, האט פארלוירן דעם כוח אויסצוהאלטן דעם הונגער און די צרות, און זי איז גע-שטארבן.

געבליבן איינער אליין, האב איך מיך גענומען צום שרייבן בריוו צו מיינע קינדער, כדי זיי צו דערמאנען, אז זיי האבן נאך א טאטן . . . זענען טאקע די בריוו געפלויגן איינער נאכן אנדערן, און אויסגעוויינט זענען זיי באמת געווען אין מיין בלוט און טרערן. געשריבן קיין לאנדאן, געשריבן קיין **אמעריקע**, באקומען פון מיינע קינדער עפעס געלט פון צייט צו צייט. און אז ס'איז געקומען דער יום-טוב פסח, האב איך שוין נישט געהאט מיט וועמען און פאר וועמען אפצוריכטן א סדר. כ'בין שוין געזעסן ביי א פרעמדן טיש, שטיקנדיק זיך מיט טרערן ביים זאגן די הגדה.

פלוצלינג האט שלמהלע, מיין מיזיניקל אין לאנדאן, זיך דערמאנט אין זיין אלטן טאטן, ביי וועמען ער פלעגט יעדן פסח פרעגן די פיר קשיות, און זיך מישב געווען, אז איך זאל קומען צו איםקיין לאנדאן. אין א בריוול האט ער מיר פארזיכערט, אז עס וועט מיר ביי אים גארנישט פעלן. צו וואס דארף איך זיין אליין, ביי אים וועל איך מיך פילן ווי ביי מיר אליין אין דער היים . . .

דעם אמת געזאגט, האב איך אפילו נישט געוואלט פארן. גיי שלעפ דיך אויף די אלטע יארן ערגעץ מעבר לים אין א פרעמד לאנד אריין. ווייל אבער מען האט זיך פון מיר אויסגעלאכט, געהאלטן מיך פאר אן אלטן נאר ביז איך האב מיך איינמאל מישב געווען. "ס'טייטש, ר' סענדער, האבן זיי געטענהט, דארט זענען יידן אזוי רייך, עס וועט אייך זיין וואויל ווי די וועלט, היות אייער מיזינעק גייט דאך אויך גוט. וואס וועט איר אייך דא ארומוואלגערן איינער אליין,"

הכלל, כ'האב מיך געלאזט צורעדן. מיין שלמהלע, ווי ס'איז אלעמען געווען גוט באקאנט, איז נישט געווען קיין שלעכט קינד. נו, איך האב מיך טאקע גענו-מען אין וועג אריין. געשריבן אים א בריוו, אז איך קום קיין לאנדאן. גלייך האט ער מיר ארויסגעשיקט געלט צום פארן, מיט די נויטיקע פאפירן. בינו-לבינו האב. איך מיך אפגעזעגנט מיט מיין שטעטל, מיט חנהלען — זאל זיין אפגע-שיידט ! — און היידא, געלאזט מיך אין וועג אריין צו שלמהלען און, פארשטייט זיך, מיט א גוטן בטחון צום רבונו-של-עולם.

הכלל, איך האלט שוין ביים צווייטן פסח דא אין לאנדאן. נאר לאמיך אייך דערציילן פון מיין ערשטן סדר דא הי ביי שלמהלען. אים גייט עס גוט. ר'האט

א געשעפט פון קליידער און וואוינט זיך שיין, אין אן אייגן הויז, האלט א דינסט.
מיט איין ווארט, איך האב נחת צו זעען ווי גוט עס גייט אים.
זייט זשע נישט אומגעדולדיק, ר׳ייד, און הערט מיך ווייטער אויס.
פסח נאכן דאווענען קום איך אהיים פון שול, ווי געוויינטלעך יום־טוב. אבער
ארײַנקומענדיק אין שטוב אריין, געפין איך אים נאך נישט אין שטוב. זעץ איך
מיך אנידער און ווארט אויף אים, רעכענענדיק, אז ער מוז דאך אהיימקומען צום
סדר. ס׳ווערט שוין שפעט און מען זעט אים נאך אלץ נישט. מיין שנור פארעט
און פוצט זיך פארן שפיגל, מיין איך, אז עס איז צוליבן סדר. זי וויל דעריבער
אויסזעען ווי א שיינע מלכה . . . אבער עס ווערט מיר קלאר, אז זי גרייט זיך עס
גאר אוועקצוגיין . . .

פרעגן וואס דא טוט זיך האב איך מורא געהאט, זי איז דאך עפעס אן ענג־
לישע און האלט זיך אין איין גרויסן.ווי נאר עפעס, שרייט זי אויף מיר און רופט
מיך: ״אלטער גרינער!״ נו, דריי איך מיך איבער דער שטוב, מאך מיך הוסטן,
כדי זי זאל מיך באמערקן. יא, זי האט מיך באמערקט.

— איר ווייסט, אלטער, סאלאמאן האט מיר געזאגט, אז איר האט ליב א
סדר, ווי אמאל ביי אייך אין שטעטל. האט ער מיר אנגעזאגט צוצוגרייטן אלצ־
דינג פאר אייך. האב איך טאקע אזוי געטון. אבער מיר אליין האבן נישט קיין
צייט דערויף, מיר מוזן גיין זעען א שאו (א פארשטעלונג הייסט עס) אין א
טעאטער. מיר האבן ״געבוקט סיטס״ (רעזערווירט פלעצער הייסט עס) פאר
אונז אליין מיט נאך באקאנטע. עס איז שוין פארפאלן, מיר קענען זיך נישט
העלפן. סאלאמאן ווארט שוין דארט אויף מיר. איר וועט אייך קענען אפריכטן
אייער סדר אזוי ווי ביי אייך אמאל, און פיליס, די שיקסע, וועט שוין אייך אלץ
דערלאנגען וואס איר דארפט. כ׳האב אנגעגרייט פאר אייך פון אלעם גוטן.
— פיליס! — האט זי א געשריי געטון, און עפעס גערעדט מיט איר, אנוועי־
זנדיק אויף מיר. דערנאך איז זי אוועק אין טעאטער אריין צו שלמהלען מיין זון;
צו סאלאמאן הייסט עס . . .

עס האט מיר פארקלעמט ביים הארץ פון ווייטאק. ס׳טייטש, א שיקסע וועט
עס זיין מיין מלכה ביים סדר מיך צו באשיינען?!

יא, די שיקסע האט טאקע באלד געדעקט דעם טיש מיט א ווייס טישטוך,
אנגעצונדן ליכט אין צוויי מעשענע לייכטער, אנידערגעלייגט א פעקל מצות
אויפן טיש און אוועקגעשטעלט א פלאש וויין מיט א כוס. פשוט ווי צו א סדר.
איך בין מיר געשטאנען אין א זייט און מיך צוגעקוקט צו אט דעם דאזיקן סדר
ביי מיין שלמהלען, און פון מיין אלט הארץ האבן גענומען טריפן טראפנס
בלוט . . .

מילא, כ׳האב דען געהאט א ברירה? האב איך מיך אוועקגעזעצט צום טיש
איינער אליין, נישט וויסנדיק וואס צו טון. רעדן מיט דער שיקסע האב איך דאך
נישט געקענט און אויך נישט געהאט וואס . . . האב איך מיר געמאכט קידוש
און גענומען זאגן די הגדה. פון קיין עסן האב איך שוין נישט געטראכט.



געקומען צו מה־נשתנה, די פיר קשיות, האב איך מיך דערמאנט ווי מיין
שלמהלע פלעגט עס פרעגן די קשיות. אך, ווי זיס פלעגט ער זיי פרעגן! טאטע־
מאמע האבן אנגעקוואלן דערפון און געשעפט נחת . . .
אין מיין פארצווייפלונג, האב איך אויסגעשריגן, ״אוי, חנהלע, חנהלע, שטיי
אויף פון דיין קבר און זע ווי דיין שלמהלע פרעגט איצט די קשיות! זע ווי איך
ריכט איצט אפ א סדר און ווער עס באשיינט מיר דעם סדר! . . . א שיקסע!
טרערן האבן זיך מיר גענומען קייקלען איבער מיין ווייסער, גראער בארד
גלייך אראפ איבער דעם מה־נשתנה . . .

מעינקע קאץ —

## מיין דריי־טאגיק יינגעלע [פונם בוך ״צפת״]

(פאר מיין זון הירשע־דוד)

דריי טעג און דריי נעכט ביסטו, יינגעלע, מיינס שוין אלט,
ביסט גאר דאס גאלד פון דריי פארנאכטן, דריי פארטאגן,
ביסט אינגאנצן בראשית, ס׳איז די וועלט ערשט דריי טעג אלט.
א ניי־געבוירענע זון לערנט זיך ערשט טאגן.

א דריי־טאגיק פלאטערל וואלט שוין א זיידע געווען,
וואלט א בעטעלע פון גלאז אויף א שויב זיך געמאכט.
געקלערט: געַנוג מיט זון זיך אנגעשטיפט, אנגעזען,
שוין מיד פון צופיל טאג, שענק, גאט, אביסעלע נאכט.

ווער שטומט אויס ווי דו דאס לשון פון דארן און שטיין?
דורך דיין געשריי שרייט איטלעך מאנונג פון ערשטן מענטש,
אזוי האט אדם, קען זיין, צום ערשטן מאל געוויינט.
א וואסער געלעכטער איז ווי דיין געוויין געבענטשט?

זיי פאנטאסטיש ווי א הירש, ווי דוד — א פאעט,
לערן זיך פון באגינען שייערן שאטנס פון שטראלן,
און ס׳זאל דיין מויל זיין פול מיט יידיש ווי מיט רויש דער קוואל.
מיין טאטנס נאמען זאלסטו מיר, יינגעלע מיינס, זיין ווערט.

---

דער באקאנטער יידישער פאעט, מעינקע קאץ, פון אמעריקע, אין דער באגלייַ־
טונג פון זיין פרוי די מאלערין, רבקה קאץ, זייענדיק אויף א קורצן באזוך דא
ביי זייער זון, וואס שטודירט אויף דער לאנדאנער אוניווערזיטעט און פירט אן
מיט א יידיש־קלאס אין אקספארד — האט ביי די ״יידיש־ליטערארישע שבת־
נאכמיטאגס״ גערעדט איבער יידישן קולטור־לעבן ביי זיי אין אמעריקע און
געלייענט פון זיין איצט דערשינענעם בוך ״צפת״, מיט צייכענונגען פון רבקה
קאץ. דער עולם האט גאר שטארק הנאה געהאט די טייערע געסט, פון דעם
יידיש־גרוס זייערן און זיינע לידער.

ארנאלד וועסקער —

## פאר אלטע ידידים

דיקער, גרא פון יארן און עסן
גייען מיר פארביי אלע ידידים אויף אנדערע וועגן,
שטילינק רעזיגנירט.
זייער נייג און שמייכל
ווייזט ווי זיי פארנעמען היינט
וואס האט אויסגעזעען אוממעגלעך;
א, די צייט גייט טאקע פארביי,
גייט טאקע פארביי.

אויגן זייערע, פארגעסנדיק צייט גייט פארביי,
דאך זיך חידושנדיק מיט געבורט,
בענקן צווישן צערטלעכקייט
און צארן געלערנטן,
זיי הויערן, בליצן
אומזיכער איבער מה יתרון בעולם,
א, מה יתרון?

זיי, וואס ווייסן שוין זין פון מה יתרון,
שפייען גאל דורך ליפן פארביסענע,
ביטערע צונגען די זייערע
פארקנופן צונגען אונזערע,
וואס געקעמפט פארביטערט אזוי האבן
פאר זכרונות יא גיך פארגייענדיקע,
ווערן אזוי זויער,
אזוי גיך, אזוי גיך.

פון ענגליש איבערזעצט:
**א. אלמוג**

יוסף לעפטוויטש —

## די שריפטן פון שמואל לעווין

פון דער הקדמה צו לעווינס בוך וואס איצט ארויס אין לעפטוויטש איבערזעצונג

מיט וואס פאר בעסער וויסן ווי פון אייגענעם לעבן קען איינער שרייבן און פון זיין סביבה, ווי פון פאסירונגען ביי מענטשן אים באקאנט? עס וואלט געקענט זיין אויטאביאגראפיע פראסט און פשוט, אדער עס וואלט געקענט זיין אין דער פארם פון דערציילונגען און נישט קיין פארטרעטן און די געשעענישן האבן לחלוטין נישט געדארפט אזוי פארקומען ווי זיי דערשיינען. די העלדן אבער זענען רעאלע און ממש לעבעדיק און די פאסירונגען קלינגען דאך אמת פונקט ווי זיי וואלטן פארגעקומען אין דערווירקלעכקייט. אפגעזונדערט פונם



סדום־בעטל פון די פאקטן, וואקסט דער אמת ארויס און פאסט זיך אריין אין א ברייטערן, גרעסערן מוסטער, ווערנדיק אזוי ארום אן אלעגאריע — א משל מיט א מוסר־השכל — פאר דער גאנצער צייט און גאנצן ארום.

י.ל. פרץ האט אונז געגעבן א דערציילונג, "התגלות", וואס אין גרונט גענומען איז זי א פאלקס־לעגענדע — אן ארומאן און זיין ווייב האבן נישט גרויס אנזעען ביי די שכנים; פלוצלינג אנטפלעקט זיך אט דער ארומאן אלס א הייליקער מענטש, איינער פון די גרויסע חסידישע רביים. אט דאס איז א חלק פון יידישן פאלקס־מיטאס, פון דער עטישער פאלקס־ליטעראטור. עס שטעלט מיט זיך פאר דעם הינטערגרונט צום יידישן גלויבן אין די למד־וואוו צדיקים, וואס געבן דער וועלט איר קיום. אבער דאס סאמע וויכטיקסטע ביי זיי איז וואס זיי מוזן בלייבן אומבאקאנט — מען מוז אייגנטלעך האבן דרך־ארץ פאר יעדן ארומאן, מחמת ער קען דאך זיין פון די למד־וואוו.

אט דער מאטיוו געפינט זיך הינטער שמואל לעווינס אלע דערציילונגען, יעדע איינע אילוסטרירט דעם אופן פון לעבן ווי ר׳ האט זיך אנטוויקלט אין זיין אייגן שטעטל קאנסקא־וואלא, טיפיש פארן גאנצן תחום־המושב ביים סוף פון נייַנצטן יארהונדערט און אנהויב פונם צוואנציקסטן, פון א שטיל, באשיידן, פרום שטעטלע וואקסט אויס אן אינדוסטריעלע שטאט מיט מייסטערס און ארבעטער, קאפיטאליסטן און פראלעטאריער. אט דאס אלץ פארמירט מיט זיך שמואל לעווינס טעמע — אינדוסטריאליזאציע מאכט חרוב די אלטע, פשוטע אמונה, דעם בטחון און די אומשולד פון פראסטן פאלק.

עס איז דער צארן ביי טאלסטאיען און אנדערע, וואס האבן סאי געהאסט די אינדוסטריאליזאציע סאי מורא געהאט פאר איר. געפינען מיר טאקע ביי שמואל לעווינען א טיפ, ווען ער באשרייבט ווי יענער קומט פון זיין פרייערדיק איינפאך לעבן צו דער פאבריק: "ער האט זיך נישט געפילט צופרידן. די גרויסע מאשינען האבן אנגעווארפן א פחד אויף אים. און ער האט עס פיינט געהאט זיך אויפצוהויבן אין ווינטער פארטאג, איידער עס האט נאך אנגעהויבן צו טאגן, כדי צו גיין צו דער פאבריק."

אין דער פאבריק לערנט ער זיך א נייעם גלויבן, וואס פארנעמט דאס ארט פון דער אלטער אמונה, וועלכע די יוגנטווארפט אוועק: "ער באפריינדעט זיך מיט אטייל פון די ארבעטער, און זיי דערציילן עס אים וועגן דער ארבעטער און סאציאליסטישער באוועגונג, וואס וויל אפשאפן די לאנגע ארבעטס־שעהן, און מיט דער צייט אויך מייסטערס און קאפיטאליסטן, און וועט איינפירן דעם סאציאליזם, דורך וועלכן די ארבעטער וועלן ווערן די בעלי־בתים."

זייט ביי זייט מיט דער פארמינדערונג פון דער רעליגיעזער אמונה וואקסט דער נייער גלויבן אין סאציאליזם, אין סאציאלן און עקאנאמישן יושר. לעווין מאלט אונז דעם וואוקס, אט דעם איבערגאנג מעכטיק און פאעטיש. יא, ער האט פאר אונז געמאלן אומפארגעסלעכע סצענעס, אונז געגעבן א גאלעריע טיפן, אלע זענען עס רעאל, יעדער איינער מיט זיין אייגענער געשיכטע, פארוויקלט אינם גאנצן מוסטער. האט דאך פראנץ ווערפל שוין באצייכנט שמואל לעווינען פאר אן אמתן דיכטער.

לאה ראבינסאן —

## ״גיי־פאקס״ נאכט

(א מעשעלע)

א. דער ״גיי״

שיין איז ער ניט געווען. זיין גוף איז געווען א בעזעם, דער קאפ — א טארבע אנגעפאקט מיט שטרוי, די ארעמס מיט די פיס — אלטע צייטונגען שטייף געוויקלט און פארפעסטיקט מיט גומע. וואלט ער דיר, חלילה, געדריקט די האנט, וואלט פון דיר גערונען בלוט, מחמת די פינגער זיינע זענען געווען פראסט און פשוט דארן־צווייגעלעך.

און אוי, איז דאס געווען א פיסק, מיט וואס מ׳האט אים באשאנקען! פון אונטער דער נאז זיינער האט אראפגעשמייכלט סאדזע און זיינע שווארץ־אפלען זענען געווען פון גלאז, ארומגערינגלט מיט ווייסע שטריכן, מעשה סאווע. דער קאפ איז ביי אים געווען פליכעוואטע, בלויז א צוויי־דריי שטריעלעך האבן ארויסגעשטעקט דורך דער טארבע, וואס האט אים געדינט ווי א הויט. עס האט געמאכט דעם איינדרוק ווי ער וואלט זיך געדארפט לאזן גאלן.

פרעגט גארנישט וואס פאר א הוט ר׳ האט געהאט אויפן קאפ! ס׳איז געווען אן אלטער צילינדער — א געשיכטע פאר זיך — וואס האט אמאל געהאט די זכיה צו זיצן אויף א ראטשילדס א קאפ. איצט אבער איז ער שוין געווען זער אפגעטראגן און צעריסן, טיילווייז באדעקט מיט שימל, כמעט נישט צו דערקענען.

אט די געשטאלט האט מען אוועקגעשטעלט אויף א קופע קלעצער אויף דער ערד. דאס איז עס געווען דער ״גיי״, ווי מ׳רופט אזעלכעס אויף ענגליש. די קיילעכדיקע אויגן זיינע האבן טעמפ געגאפיעט אויף דער וועלט, ווי די אויגן פון א געץ, און אביסל שפעטער האט מען אים געדארפט פארברענען אלס א שטראף פאר א פארברעכן מיט הונדערטער יארן צוריק.

ב. די פרוי

פארנאכט איז א פרוי געקומען אין גארטן אריין. אירע שיך, פון שוועדישער לעדער, זענען געווען נאס פון ראסע. עלעגאנט און גיך איז זי געגאנגען איבערן גראז און צו קומענדיק צו דער קופע קלעצער האט זי אפגעשטעלט. האט געבליקט אויפן ״גיי״, וואס זיין משפט איז געווען צום פארברענען, און עפעס פארטראכט אויסגעשטרעקט די הענט צו דער קופע אזוי ערנסט.

די פרוי איז געווען הויך־געוואקסן, א שטאלצער מענטש, אן ערך דרייסיק יאר אלט. געקליידט איז זי געווען מאדיש. בעת די זון האט אנגעהויבן אונטערצוגיין, האבן די שטראלן באלויכטן אירע ברוינע האר, אבער דאס פנים האט עפעס פלוצים זיך פארקרומט אין א גרימאסע ווי אין צארן. זי האט פארקנייטשט דעם שטערן, שארף פארביסן די ראזעווע ליפן און טרערן, ווי פון כעס, האבן געגומען שימערירן איר אויף די באקן.

עטלעכע מינוטן איז זי זיך אזוי געשטאנען ביי דער קופע קלעצער. א פנים ארויסגייענדיק אין גאסן אריין האט זי פארגעסן זיך אנצוטון א מאנטל, און די



זער קילע נאוועמבער־לופט האט געווירקט אויף איר הויט ווי ס׳וואלט געווען גענזן־הויט; אזוי ממש אויף אירע נאקעטע ארעמס.

צום סוף איז זי עפעס אפהענטיק געווארן, פראווונדיק אראפצוציען א גאלדן רינגל פון א פינגער. אזויווי דאס רינגל האט זיך נישט גערירט פון ארט, האט זי עס מיט צארן געריסן ביז סוף־כל־סוף זי האט עס באפרייט. דערנאך איז זי ארויף אויף דער קופע קלעצער און ארויפגערוקט דאס רינגל דעם ״גיי״ אויף איינעם פון די דערנער־פינגער זיינע. ״זאל זיין מיט מזל!״ האט זי צו זיך געמורמלט איראניש. ארומגעבונדן האט זי דאס דארן־צווייגעלע אזוי אז מען זאל ניט באמערקן דאס רינגל. די קיילעכדיקע אויגן פון ״גיי״ האבן געבליקט אין עפעס א פארקערטער ריכטונג, ווי אים ארט עס גארניט, ווארום זיין סוף האט זיך דאך געדארפט אנהויבן באלד...

בשעת מעשה האט די פרוי זיך צעקראצט אביסל די האנט און א לעק געטון דעם קראץ. באלד האט זי זיך צעלאכט, אראפ פון דער קופע האלץ און גענומען ווילד לויפן צוריק אין הויז אריין.

אין גארטן איז געווארן שטיל און נעפלדיק. אביסל שפעטער אין די שטילקייט איבערגעריסן געווארן. פון א קינדער־געשריי און פון בליצן און שיסן פון פייערווערק. דער נעפל איז כסדר געווארן דיקער, אבער אין דער סביבה ארום האט עס שוין געשמעקט מיט ״שייטערהויפנס״.

ג. דער מאן

צומארגנס אין דער פרי איז דער נעפל נאך אלץ געבליבן געדיכט און ווייסלעך איבערן גארטן. ניט קיין מענטש ניט קיין פויגל האט מען דארט געזעען זיך רירן, בלויז די פלייסיקע שפינען האבן געוועבט זייער שפינוועב אויף בוים און גראז ווי אויך איבער טויטע האלאוועשקעס און טויט פייערווערק פון נעכטן אויף דער נאכט.

פון א הויז, וואס האט אויסגעזעען לײדיק, איז ארויסגעקומען א מאן, אן ערך פופציק יאר אלט, מיט א קאפ צעשויבערטע האר, גראע האר. זיינע מלבושים זענען ביי אים געווען צעקנוידערט, א מיצל פון זיידנס איז אים געווען פאררוקט איבערן קאפ און באפלעקט פון ווײן אדער משקה. אונטער די אויגן, מילד ווי זיי האבן ניט אויסגעזעען, האט ער געהאט אזעלכע טארבעלעך, ווי ביי א שיכור.

פאמעלעך האט ער זיך געשלעפט איבערן גראז, קוקנדיק שלעפעריק אויף טראפנס רעגן, וואס זענען אים אראפגעפאלן פון די שפיצן שיך. דערגאנגען צו דער קופע האלץ, האט ער זיך אפגעשטעלט, ווי די פרוי. אבער פון דער קופע האלץ איז שוין ווייניק וואס איבערגעבליבן. פונם ״גיי״ איז בלויז געבליבן א בערגעלע אש. ראטשילדס צילינדער, די איינגעוויקלטע צייטונגען און פון די בענדלעך גומע — כמעט אלץ איז אוועק מיט פייער און פלאם, נאר דאס גאלדענע רינגל איז יא געבליבן. און געלעגן איז עס אפאר צאל אונטערן אש, געצוגן פארבארגן פון די אויגן פון מאן. ווי אבער האט ער געקענט וויסן פון א בסוד־סודותדיקער, באדויערטער פארקנסונג, נעבעך?

ער האט אבער דאך עפעס געזוכט. געגאנגען אהין און אהער איבערן גארטן, אויסרופנדיק, ″וואו ביסטו? וואו ביסטו?″ אין קול וואין עונה, קיינער האט אים נישט אפגעענטפערט. בלויז א וואנט פונדערווייטנס האט אפגעהילכט, ″טו, טו″.

ענדלעך האט ער, מיט א טרויעריק קול, געזאגט צו זיך, ″עס מאכט ניט אויס″. א שאקל געטון מיטן קאפ, ווי איינער וואס באפרייט זיך פון א שלעכטן חלום, און צוגעגאנגען צו אן עפלבוים און זיך אנגעשפארט אין שטאם.

א האלבע שעה שפעטער האט די זון שוין גענומען דורכברעכן מיט אירע שטראלן דעם געדיכטן נעפל. טראפנס וואסער האבן געקאפעט פון די צווייגן און פון די נאך איבערגעבליבענע בלעטער אויפן בוים און זענען אים געפאלן אין קאפ־האר אריין. ער אבער האט זיך ניט גערירט פון ארט. בינו־לבינו איז די וועלט ווידער לעבעדיק געווארן. א ווינטל האט גענומען בלאזן און באוועגן די צווייגן פון די בוימער. א פייגעלע האט גענומען זינגען און א טשאטע שפערלינגען האבן זיך מיט רציחה א ווארף געטון איבער סקארינקעס ברויט. קלאר און גלאנציק זענען געווארן די כלערליי ביימער אין גארטן, א רעגנבויגן האט זיך באוויזן אין ליכט. אלץ האט גענומען שימערירן ווי בריליאנטן אויף די נאסע שפין־געוועבן.

האט דער מאן גענומען הייבן מיט די אקסלען, שמייכלענדיק פריילעך. ″וואס ארט עס מיך?″ האט ער גענומען פרעגן ביים גארטן... ″מיין באבעס דאגה!″

הערי אריעל

## יידיש טעאטער אין ענגלאנד 1979/80

מיט א צייט צוריק האב איך געלייענט אנ׳ארטיקל אין דעם אמעריקאנער ″פארווערטס″ אונטערן נאמען ″ווי האלט עס מיט יידיש אין ענגלאנד?″ און איך האב באוואונדערט די עקאנאמיע פון דעם פראמינענטן שרייבער. דעם איינציקן יידישן טעאטער אין ענגלאנד, וועלכעס שפילט יעדן שבת און זונטאג פון אקטאבער ביז יוני, האט ער אין דעם ארטיקל פון א גאנצע זייט, געווידמעט אין פראזע... ער האט געשריבן אז דער עולם האט נאך אלץ פארגעניגן צו זעהן א יידישע טעאטער פארשטעלונג. אין דער האפנונג אז די אידן אין אמעריקא לייענען אמאל דעם זשורנאל ″לשון און לעבן″, וויל איך זיי איצט באקאנט מאכן מיט עטליכע אקטיארן וועלכע ברענגען דעם יידישן עולם די פארשטעלונגען פאר די לעצטע 35 יאר. אין דער זעלבער צייט, וועט זיך דער שרייבער פון יענעם ארטיקל אליין אויך דערוויסן וועגן דעם, ווייל אין א טעלעפאן געשפרעך מיט מיר האט ער געזאגט אז ער האט באמת נישט געוואוסט אז מיר עקזיסטירן...

אלזא, ביים שפיץ פון אונזער טרופע איז אננא צעלניקער, די טאכטער פון א בארימטן טאטן, מאיר צעלניקער. זי האט אנגעהויבן שפילן נאך אלס קינד



אין רומעניע מיט די גרעסטע יידישע אקטיארן פון יענער צייט. דא אין ענגלאנד איז זי באלד שטארק באליבט געווארן ביים יידישן טעאטער עולם און ביי 17 יאר געווארן דער יונגסטער סטאר אויף דער יידישער בינע. אזעלכע ראלן ווי ″פארשיא″ מיט איר פאטער אלס ″שיילאק″ אין ″דער קויפמאן פון ווענעדיג″, אדער, אלס קאנטראסט, די הויפט פרויען ראלע אין די לעגענדארע אויפפירונג ″דער קעניג פון לאמפעדוזא″ האבן באשטעטיקט דעם אלזייטיקן טאלענט פון אננא צעלניקער. דערפאר איז נישט געווען קיין איבעראשונג איר גרויסער דערפאלג אויף דער ענגלישער בינע אין אזעלכע פארשטע.לונגען ווי ″ספרינג סאנג″ אין סאוויל טעאטער, שפעטער ″בליץ″ אין אדעלפי טעאטער און אין איר, ביז איצט, גרעסטע דערגרייכונג צו שפילן ″גאלדע″ אין ″א פידלער אויפן דאך″ מיט יעדן פון די 4 ″טביה׳ס″ אין דער צייט פון די 5 יאר אין הער מאדזשעסטי׳ס טעאטער. אין דעם איצטיקן מאמענט איז אננא צעלניקער מיטן יידישן טעאטער וועלכעס שפילט אויסשליסלעך פאר וואהלטעטיקע צוועקן.

בערנארד מענדעלאוויטש איז געווען א סאליסט אין דער מאנשעסטער שוהל, די ″צענטראל סינאגאג″ ווען ער איז אלט געווען 8 יאר און געזינגען מיטן בארימטן חזן, מישא אלעקסאנדראוויטש. א אידישע טרופע האט געזוכט א קינדער־ראליסט, געקומען אין שוהל הערן בערנארדן און אים באלד אנגאזשירט. זייט דעם יאר 1949 האט ער זיך דערווארבן א גרויסן נאמען און אנערקענונג ביים יידישן טעאטער עולם און דער ″אנגלא־יידישע″ פרעסע. די מאנשעסטער ″דזשויש גאזעט″ האט געשריבן אין א רעצענזיע: ″בערנארד מענדעלאוויטש האט אזוי פיל אויסדרוק אין זיין פנים אז ער דארף נישט קיין גרים אדער קאסטיום פארצושטעלן דעם אידעאלן ייד. זיין דועט מיט אננא צעלניקער ″א יידיש לידעלע″ האט געהאט אזא דערפאלג ביים פובליקום אז מען האט זיי נישט אראפגעלאזט פון דער בינע און געבעטן נאך און נאך...″, אזוי אז עס איז נישט קיין וואונדער וואס ער איז היינט איינער פון די הויפט־אקטיארן אין יידישן טעאטער.

אין דעם קומענדיקן נומער וועל איך שרייבן וועגן די אנדערע מיטגלידער פון אונזער קאלעקטיוו, די וואונדערבארע כאראקטער שוישפילער, מעטא און דוד סעגאל, די יונגע אקטריסעס: סיידי סקאפ, אסתר זילבערבערג און אדעלא גאטליב. איך וועל אויך שרייבן וועגן אונזער מוזיקאלישן דירעקטאר, פיליפ בערנשטיין מיט זיין טאכטער, די פיאניסטין ריקי בארנארד.

וועגן זיך אליין קאן איך נאר זאגן אז איך בין געבוירן אין דעם וויגעלע פון יידישן טעאטער, אין לאדזש,, פוילן, וואו מיינע עלטערן און .מיין פאטער׳ס גאנצע משפחה זיינען געווען יידישע שוישפילער. אין אנהויב פון דער לעצטער מלחמה האב איך געשפילט אין רוסלאנד אין דעם ביאלאסטאקער מלוכה טעאטער. קיין לאנדאן בין איך אנגעקומען אין 1947 און זייט דאן בין איך דער אנפירער פון דעם לאנדאנער יידישן טעאטער קאלעקטיוו. מיר האבן אין אונזער רעפערטואר פיעסן פון שלום עליכם, גארדין און אויך מוזיקאלישע קאמעדיעס

פון דעם היינטיקן לעבן, וועלכע איך שרייב אליין און מיר שפילן זיי מיטן גרעסטן דערפאלג. די רעצענזענטין, לוסיל לעווי, פון די מאנשעסטער ״דזשויש גאזעט״ שרייבט: ״הערי אריעל, וועלכן מען קאן נישט בייקומען אין זיין ארבעט אלס אקטיאר, רעזשיסער און מחבר, האט ווידער באוויזן אז זיינע קאמעדיעס וועלן אין דער צוקונפט ווערן די קלאסישע ווערק פון יידישן טעאטער רעפער־טואר...״. איך פערזענליך פאנטאזיר נישט פון אזא צוקונפט. פאר מיר איז גענוג אז מען שפילט ביים היינטיקן טאג מיינע פיעסן אומעטום וואו מען שפילט נאך יידיש טעאטער און מיינס אנ׳אינסצעניזאציע פון שלום עליכמ׳ס ״בלאנדזשענדע שטערן״ האט מען געשפילט מיט גרויס דערפאלג אין אויסט־ראליע און אין ניו יארק, אויפגעפירט דורכן בארימטן רעזשיסער פון דעם געוועזענעם מאסקווער יידישן קונסט טעאטער, יוסף שיין.

עס איז איינע פון מיינע אמביציעס, אז ווען דער חשובער לאנדאנער קארעספאנדענט פארן אמעריקאנער ״פאראווערטס״ וועט שרייבן וועגן דעם ״ווי עס האלט מיט יידיש אין ענגלאנד״ זאל ער אין דער צוקונפט אונז אויך נישט פארגעסן...

אייזיק גאלדבערג —

## מאיר ניסענבוים, ע״ה

[נעקראלאג]

מיט א צעווייטאקט הארץ קומט עס מיר אויס צו שרייבן איצט לזכרון פון א טייערן חבר מיינעם און פריינט — מאיר ניסענבוים, עליו השלום.

באקאנט האבן מיר זיך באלד אין אנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער האט זיך קוים קוים אליין געראטעוועט פונם היטלער־גיהנום. די געלעגנהייט איז געווען ביי יידישע קולטור־פאראנשטאלטונגען, און מיר זענען זיך געווארן נאענטע פריינט און טאקע גוטע חברים.

געווען איז מאיר זער באגאבט בנוגע רעציטאציעס, פארלעזונגען פון דער יידישער ליטעראטור, און אויך י.ל. פרץ א.א. ער פלעגט ליב האבן פארצו־טראגן דעקלאמאציעס פון סאוויעטיש־יידישע דיכטער, הומארעסקעס פון משה נאדיר און משלים פון א. שטיינבארג. דאס האט אים צוגעצויגן צו די ״פריינט פון יידיש־לשון״ און צו די ״ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס״ בפרט. אויך איז ער געווען זער אקטיוו ביים ״יידישן קולטור־קלוב״, מיט ענטוזיאזם פאר יידישע קולטור־אונטערנעמונגען אין סאוויעטן־פארבאנד.

בשעת דער שווערער באמבארדירונג איבער לאנדאן, אין יאר 1944, האבן מיר זיך עוואקואירט קיין מאנטשעסטער, און אויך דארט געגרינדעט ״א פריינט פון יידיש־לשון קולטור־קלוב״, אנפירנדיק א ברייטע טעטיקייט מיט דער הילף פון דארטיקע פריינט און קולטור־טוער, ווי ל. אלמאן, מענדעלע־וויטש און אנדערע.צו אונזערע ליטעראריש אונטערנעמונגען פלעגן מיר איינ־לאדן שרייבער און קולטור־מענטשן פון לאנדאן אויפצוטרעטן ביי אונז מיט



רעפעראטן, פארלעזונגען און רעציטאציעס. מאיר ניסענבוים איז תמיד געווען גרייט צו קומען צו אונז און פונקט ווי אין לאנדאן אזוי אויך אין מאנשעסטער האט ער אויסגענומען און באליבט געמאכט ביים עולם.

נישט לאנג נאך דער מלחמה, זייענדיק אין לאנדאן, האט מאיר ניסענבוים זיך דערוואוסט, אז זיין פרוי און קינדער האבן למזל זיך געראטעוועט פון די היטלער־רוצחים און מיט דער הילף פון זיינס א ברודער האבן זיי עמיגרירט קיין ניו־יארק. פארשטייט זיך, אז ער האט זיי נישט געלאזט לאנג אויף זיך ווארטן און איז אוועק אהין צו זיין ברודער און פאמיליע.אבער וואס שייך יידישע קולטור איז מאיר געווען גענוי אזוי ענטוזיאסטיש און טעטיק אין ניו־יארק ווי אין לאנדאן.

אין משך פון די יארן האבן מיר אנגעהאלטן א פארבינדונג מיט אים דורך קארעספאנדענץ; בריוו פון מיר צו אים און פון אים צו מיר זענען אפט געגאנ־גען דורך דער פאסט ביז לעצטנס.

די שענדלעכע דערמארדונג פון די יידישע שרייבער אין סאוויעט־רוסלאנד און דער חורבן פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט דארטן בכלל האבן מאירן שטארק דערשיטערט, אזוי, אז ער האט זיך געפילט געדרונגען צו ענדערן זיין פאליטישע אנשויאונג. אלס ייד האט ער געפילט, אז די צייט איז פאר אים געקומען צו שטיצן דעם ציוניזם, איבערהויפט ווייל די סאוויעטן האבן אזוי אינטריגירט קעגן מדינת־ישראל. אין א בריוו צו מיר (געדרוקט אין ״לשון און לעבן״, יאנואר, 1973) שרייבט מיר מאיר בזה הלשון: ״טייערע פריינט אייזיק גאלדבערג און פרוי, עס איז אוועק א קורצע צייט ווי מיר, מיין ליבע פרוי און איך, האבן פארלאזט לאנדאן נאך אונזער נסיעה פון ארץ־ישראל. מיר האבן זיך געפריידט מיט אייך און מיט אונזערע טייערע פריינט — פרוי לעזמאן און איר מאן; אויך מיט דער פאמיליע ברענער און אנדערע. באזונדערס וועלן מיר קיינמאל נישט פארגעסן דעם צוזאמענטרעף מיט אונזער א.ג. שטענצל און מיט די טייערע פריינט פון ״פריינט פון יידיש־לשון״; ווי מיר האבן גייסטיק פאר־ברענגט צוזאמען. איבערהויפט זענען די יארן פון עלטערע מענטשן נישט אזוי גרינג צו ציילן...

״יעצט וועגן אונזער באזוך אין ישראל. דאס איז געווען א גרויסע איבער־לעבונג פאר אונז. מיר האבן באזוכט אזעלכע ערטער ווי בית־לחם ביי דער מאמע רחלס קבר, ביי דער מערת־המכפילה אין חברון די קברים פון די אבות; באזונדערס ביים כותל מערבי. און אונזערע פרומע מאמעס, וואס האבן פאר־גאסן טרערן, לייענענדיק דאס טייטש־חומש, האב איך מיך דערמאנט אויך אין דער צאינה־וראינה. זיי האבן תמיד דערמאנט גאט, אז אין זכות פון די אבות זאל ער שיקן א רפואה שלימה צו די, וואס ברויכן — פארשטייט זיך, אז פאר כל־ישראל... מיין מאמע איז געווען א זאגערי־ן, פארלייענען פאר די ווייבער אין שול. פרום זענען זיי אלע געוועזן, אט די טייערע, גוטע מאמעס אונזערע.

״שטייענדיק ביים כותל־מערבי, האב איך מיך דערמאנט אויך אין די אייניקלעך פון יענע ישראל־שטאמען, וואס זענען דא צוריקגעקומען נאך א

צווײ־טויזנט יאריקער בענקשאפט צו דער מאמע ירושלים
קאפ צוגעלייגט צו דער וואנט און, נישט־ווילנדיק, האט א געווײן געשטיקט אין
מײן האלז, און געמורמלט שטיל: ׳אײביקע הימלען פון אונזער לאנד ישראל,
אנטוישט נישט מער אונזער פאלק און אונזערע ברידער און שוועסטער,
וועלכע זענען געווארן געצוואונגען מקריב צו זײן פאר דער זינד פון דער
וועלט — זעקס מיליאן קרבנות!... מײן געפײניקט פאלק זאל קײנמאל מער
קײן אומזיסט בלוט נישט פארגיסן. אויב יא, זאל עס זײן פאר דײן לאנד,
איז אונזערס פון גאט און פון דער געשיכטע באשטימט... עס שרעקט נישט
מער אונז.ערע שוועסטער און ברידער אין ישראל און אומעטום דאס בילן און
ברומען פון אלע בײזע הינט און שאקאלן...
״מיט א טיפן גלויבן אין דער אײביקײט וועט אונזער יידיש פאלק פאר־
בלײבן אין ישראל זײן הימלאנד, און אונזער פאלק וועט לעבן תמיד און
אײביק!״ (אן אויסצוג פונם בריוו).
אט אזעלכע בריוו פלעג איך באקומען פון אים ביז לעצטנס, פול מיט צארן
און ווײטאק קעגן די שונאים פון אונז יידן, מיט רוסלאנד בראש און אויך קעגן
אזוי צו זאגן אונזערע פרײנט...
מיט זײן אוועקגײן אין דער אײביקײט ארײן האבן מיר פארלוירן אײנעם
פון די טײערע יידן מיט א. יידיש הארץ און א יידישער נשמה, וואס איז געווע.זן
באאײנפלוסט פון יידיש, זײן גאנץ לעבן געווייד.מעט פאר יידיש, יידישער קול־
טור, יידיש־לשון און יידיש פאלק!
זײן פרוי און קינדער זאלן געפינען א טרײסט אין זײן גוטן נאמען.
כבוד זײן אנדענק!

## שמעון דזשיגאן, ז״ל

אין דער לעצטער מינוט איז אנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אז דער
בארימטער אקטיאר שמעון דזשיגאן איז פלוצלינג געשטארבן פון א הארץ־
אטאקע. דער נפטר איז געקומען צו קבורה אין תל־אביב.
מײן טיפן מיטלייד!

סעם גאלדבערג

## מרדכי יחסן — דער אדעסער משורר, מאכט געשיכטע אין יידישן טעאטער

געבוירן געווארן איז מרדכי יחסן אין אדעס, אין יאר 1894, און שוין צו
ניין חדשים נאך זײן געבורט איז אים די מאמע, חיה. שרה, געשטארבן. נאך אלס
חדר־יינגל האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האט א שײן קול צום זינגען, און חזנים
האבן זיך געריסן אים צו האבן בײ זיךאלס משורר אין כאר.



אלט ווערנדיק אכט יאר האט אים זײן טאטע, ישראל צבי הערש יחסן,
געשיקט צום זיידן זײן קײן בריסק־ליטאווסק, וואו מען האט אים ארײנגעגעבן
אין א תלמוד־תורה און דארט האט ער געלערנט גאנצע פיר יאר; דאס הײסט
ביז צו צוועלף. דערנאך האט ער געלערנט פאר זיך אלײן אין משמר בית־
המדרש ביז ר׳איז געווען א בחור פון זיבעצן יאר.
דעמאלט האט זיך געמאכט, אז מרדכי יחסן זאל זיך באגעגענען מיטן אלטן
טעאטער־דירעקטאר קאמפאניעץ, וואס זײן ווײב און קינדער האבן בײ אים
געשפילט אין טעאטער, אפילו זײנע אײדעמס און אײניקלעך. ווי באקאנט זענען
גרויסע און באקאנטע יידישע אקטיארן און אקטריסעס בײ קאמפאניעצן אויפ־
געטרעטן און זיך דערווארבן א וועלט־נאמען, ווי, למשל, שטראספויגל,
ליבערט, שעראדסקע, קראזע, ווײסמאן, זינא גאלדשטײן, מיכל קלײן, לעסער
און אנדערע. גראד האט מען זיך געוויטיקט אין סטאטיסטן, האט מען מרדכי
יחסן צוגעצויגן אלס סטאטיסט. עס האט אבער נישט לאנג געדויערט און מען
האט אײנגעזעען וואס פאר א שײנע און אנגענעמע שטימע מרדכי יחסן האט,
אזוי, אז מען האט אים ארײנגענומען אין כאר ארײן און נישט לאנג דערנאך
האט ער דערגרײכט צו דער מדרגה פון הויפט־זינגער טאקע אין דאזיקן כאר.
לאנג איז קאמפאניעץ נישט געבליבן אין בריסק־ליטאווסק, און באלד נאך
זײן אוועקפארן האט א לאקאלע בריסקער גרופע פון טעאטער־ליבהאבער צוגע־
צויגן מרדכין, און אזוי האט מען צוזאמען, יונגעלײט און מײדלעך, דארטן ווײ־
טער געזוכט צו שפילן יידיש טעאטער.
די ערשטע פיעסע, וואס אט די גרופע האט אויפגעפירט, איז געווען יעקב
גארדאנס ״די געברידער לוריא״. די ראלע פון אלטן רב האט מען געגעבן
מרדכי יחסן צו שפילן. אבער דער ענין יידיש־טעאטער האט אים אזוי אימפא־
נירט, אז ער איז טאקע געווארן אן אקטיאר און געזוכט צו מאכן א קאריערע
בײם יידישן טעאטער. דאס איז אזוי אנגעגאנגען ביז צום אויסברוך פון דער
ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ״פאניע גנב״ האט אים גענומען צום מיליטער.

דער גורל האט געוואלט, אז מרדכי זאל ארײנפאלן צו די עסטרײכער אין
געפאנגענשאפט ארײן. היות יידיש טעאטער איז אים שוין געלעגן אין בלוט,
האט ער גענומען זוכן יונגעלײט פון זײן אײגענעם עלטער מיט דער זעלבער
אמביציע און האט אויך געפונען. מען האט אזוי ארום געגרינדעט א טרופע צו
שפילן יידיש־טעאטער, עס האבן אבער געפעלט די נויטיקע צאל מײדלעך.
האבן מענער טאקע געמוזט נעמען אויף זיך מײדלשע און פרויען ראלן...

אין יאר 1921 האט מרדכי יחסן עמיגרירט קײן אמעריקע, און נישט קײן
קלענערער ווי מאריס שווארץ האט אים צוגעצויגן צום יידישן קונסט־טעאטער,
וואו מען האט אים דערווײל געגעבן עפיזאדן־ראלן צו שפילן, ווײל ער איז
לכתחילה נישט געווארן קײן פערמאנענטער מיטגליד פון דאזיקן טעאטער.

ער פלעגט אבער אויפטרעטן אפט אויף קאנצערטן מיט קינסטלער, וואס
מען האט שוין געהאט אנערקענט פאר סטארס, ווי אהרן לעבעדיעוו, מנשה

סקולניק, סידני סערעבראוו, מישא און לוסי גערמאן, יאקוב זילבערט, לואיס קרעמער, פריידעלע אוישער, דזשוליוס אדלער, בועז יאנג, דינה האלפערן, יהודה בלייק, מיכאל מיכאלעווסקי, סאלי פיקאן און יעקב קאליך, אוירווינג דזשייקאבסאן, מ. שיינפעלד, דייאנא גאלדבערג, לאלא פאלמאן, יצחק פערלאוו (פאול מוני), רחל רעליס, פאול בעראטאוו, לעאני סנעגאוו, מוני ווייזנפעלד, מרים קרעסין, סעמיועל גאלדנבערג, דזשייקאב דזשייקאבס.

מיט דער צייט איז פון מרדכי יחסן געווארן א באמת באליבטער יידישער בינע־קינסטלער, א זינגער מיט א שם און אויך א הארציקער געזעלשאפטלעכער טוער. אונטער דויד ליכטס רעזשי איז מרדכי אויפגעטרעטן אלס שכנה דיין אין "יאשע קאלב". און אפילו ווען ער האט שוין געהאט דערגרייכט זיינע שמונים האט ער צום 80סטן געבורטסטאג זיינעם געשפילט די ראלע פון אליעזר אין אברהם גאלדנפאדענס היסטארישער אפערעטע, "בר־כוכבא", אונטער דער רעזשי פונם באוואוסטן קינסטלער דזשעק רעכטצייט.

זעכצן לאנגע יאר האט מרדכי יחסן אויך זיך מיטבאטייליקט אין דער אקטיוויטעט פון דער "פאלקס־בינע".

זיין געזעלשאפטלעכע ארבעט איז געקומען צום אויסדרוק סאי אין דער ארטיסטן־פאריין סאי אין דער פועלי־ציוניסטישער הסתדרות לטובת מדינת־ישראל. אזוי געפינען מיר אים לאנגיאריק טעטיק אלס פראטאקאל־סעקרעטאר אין ארטיסטן־פאריין, וואס זארגט, אז עס זאל עקזיסטירן א גוט יידיש־טעאטער און אז עס זאל אויך פינאנציעל זיין לטובת דעם יידישן שוישפילער. און אומע־טום, וואו מרדכי יחסן באטייליקט זיך, ווערט ער אויפגענומען מיט ליבשאפט און מיט דער געהעריקער אנערקענונג.

דער ניו־יארקער "פארווערטס", וואס איז תמיד געווען איינע פון די סאמע וויכטיקסטע יידישע טאג־צייטונגען אין דער וועלט, האט אפט געשריבן לויב־ארטיקלען איבער מרדכי יחסן אלס יידישער מענטש און יידישער געזעלשאפט־לעכער טוער. אינטערוויוען מיט מרדכי יחסן זענען אין "פארווערטס" געווען א גאנץ אפטע דערשיינונג.

אויך מיך פערזענלעך האט מרדכי יחסן קיינמאל נישט פארפעלט צו באערן מיט אויפטרעטן אויף מיינע פאלקס־פארשטעלונגען פון צייט צו צייט. ער האט פשוט גענומען אויף זיך אנצופירן מיטן גאנצן פראגראם, זייענדיק דער לייטער אויף דער בינע, ממש ווי א ליבער ברודער.

נישט אנדערש ווי נאר אדאנק זיין ליבשאפט צום קינסטלערישן יידישן וואָרט און צו זיין פאלק איז עס מרדכי יחסן מעגלעך געווען צו פירן אזא קול־טור־לעבן ווי ער האט עס געפירט צוזאמענמיט זיין ליבער פרוי, גאלדע. קומט עס אים טאקע צו ווינטשן נאך אסך געזונטע און שעפערישע יארן מיט זיין ליבער פרוי און פאמיליע. און אויף נאך וועלן מיר בעטן ווען מרדכי יחסן וועט שוין האבן דערגרייכט זיינע הונדערט און צוואנציק גוטע און געזונטע יאר. אמן.



אייזיק גאלדבערג —

## ש. גאלדשמידטס "יידישקייט"

מיט א צייט צוריק האט יצחק קארן, פון ארץ־ישראל, געהאלטן א רעפע־ראט אין הלל־הויז — די יידישע סטודענטן־היים — וועגן אונזערעביידע שפראכן — העברעאיש און יידיש־לשון. אויסצוגן האט ער געברענגט בנוגע יידיש־לשון, אנהויבנדיק פון י.ל. פרץ׳ס צייטן ביז היינט־צו־טאג פון כלערליי גייסטיקע פערזענלעכקייטן סאי פון ארץ־ישראל סאי פון די תפוצות אין דער גארער וועלט.

דערויף האט שמואל גאלדשמידט רעאגירט מיט "יידיש להבדיל העברע־איש"! פון זיין זייט, האט יצחק קארן מיט רעכט אים געענטפערט, אז ער שעמט זיך צו ברענגען פארן מויל דאס, וואס קומט גאלדשמידטן...

אין דעם לעצטנס דערשינענעם נומער "יידישקייט", אונטער דער רע־דאקציע פון י.ה. קלינגער, דריקט זיך ש. גאלדשמידט אויס מיטן אלטן פזמון, אז מען דארף דערציען יידישע יוגנט נאר אין צוויי קולטור־שפראכן — אין דער שפראך פון לאנד, וואו מען וואוינט, און אויף העברעאיש. בנוגע יידיש האט ער גארנישט געהאט צו זאגן, הגם דאס ארטיקל גופא האט ער געשריבן אויף יידיש!

אין דער פאריזער יידישער טאג־צייטונג, "אונזער ווארט", 24.1.1980, ווידער אויף יידיש, רעקאמענדירט ש. גאלדשמידט י.ח. קלינגערס נייעם נומער "יידישקייט", אנווייזנדיק וואס פאר א וויכטיקע שרייבער האבן זיך באטייליקט מיט וואגיקע ארטיקלען אין אט דעם דאזיקן זשורנאל, ווי, למשל, ד״ר ד. סדן, ש. מעלצער, דוב נוי, יוסף לעפטוויטש, ד״ר ב. בן־משה און אנדערע, באמער־קנדיק, אז דער דאזיקער זשורנאל "להבדיל פון יידישיזם", וואס איז א באנק־ראטירטע אידעאלאגיע, ווייל צום יידישיזם דארף מען קענען בלויז יידיש, צו "יידישקייט" נויטיקט זיך העברעאיש, תורה און חכמת־ישראל...

נישט דא איז דאס ארט זיך ארייַנצולאזן אין א ברייטער דיסקוסיע מיט ש. גאלדשמידטן. אבער בלויז איין פראגע ווילט זיך אים שטעלן: וויפל העברעאיש, תורה און חכמת־ישראל קען מען עס געפינען אין אנדערע שפראכן מער ווי אין יידיש־לשון?

נאך א באמערקונג: אין "אונזער ווארט" געפינען מיר א באריכט פון א פייערונג וועגן יידיש, "די אריגינעלע שפראך פון יידישן פאלק", וואס דעם פארזיץ האט געפירט ד״ר יצחק ווארשאווסקי מיט פראפעסאר איטשע גאלד־בערג. ביי אט דער פייערונג האט מען זיך ארויסגעזאגט, אז מיט יידיש גאר לעבט מען זיך ממש איין אין "יידישקייט". נאך מער, דווקא אויף יידיש־לשון האט זיך אנגעזאמלט א גרויסע גייסטיקע ירושה, וואס בלי־שום ספק האט באַרייכערט דעם גייסטיקן אוצר פון גאנצן יידישן פאלק!

א.נ. שטענצל —

## דאס איז ער דער מענטש

אז אלצדינג, וואס מיר טון דערפינדן,
איינס ס'אנדערע אונטערצוצינדן;
איינער דעם צווייטן צו פארניכטן,
נישט צו העלפן, נישט צו פארריכטן.

דאס קונציקסטע, וואס מיר אנטדעקן,
מיט מענטשלעכן בלוט אלץ באפלעקן;
איין פאלק דאס צווייטע אויפצורייצן,
האלבע וועלט מיט בלוט צו פארפלייצן.

ווער פלינקער, געשיקטער מיט מעסער,
דער העלדישער, בארימטער, גרעסער;
גרעסער דער גבור, דער אויסדערוויילטער,
צו זיינע פיס קניט דער צעקיילטער.

אט־א דאס איז, וואס מיר־א זיינען,
איינער צווייטן וויל רק פארשטיינען,
פאר דעם קליינסטן חטא, וואס באגאנגען,
און אליין טון — ס'ערגסטע פארלאנגען.

## צו אונזערע אנטליפערס

אזעלכע פארשווינען,
אויב ס'וועט זיך זיי לווינען,
די נעז זיך אפשניידן,
בכל לשון ריידן.

דאס דרייט זיך בכל־אופן
ווי שטאלענע שרויפן.
געפינסט זיי בכל לשון
דריי פאר א גראשן.

זיי רוישן, זיי פלוישן,
געוועזן שוין אין גושן,
אויף ווארשעווער הויפן —
ס'רוישט בתופים בתופן!

אזעלכע פארשווינען,
אויב ס'וועט זיך נאר לווינען
אוועק נאר פון יידן,
זיי זיינען צופרידן;

זיך שמדן, זיך טויפן —
מאמע פארקויפן!
רק אוועק פון יידן
בכל אופן ואופן.



## א. גלות־גאנג־געזאנג

ווי די ערשטע באפרייאונג,
פון עבדים געוועזן,
אינם בוך פון די ביכער
בפירוש ס'איז צו לעזן.

ווען נישט דאס געהייליקטע,
דאס געאייביקטע ספר,
שוין לאנג גאנצע ערד געוועזן
א בארג עפר ואפר.

א, זייט דעמלט גייט ער אן,
דער עבדים־געראנגל —
א שלאכט־פעלד גאנצע ערד שוין
פאר מאגערן ברויט־זאנגל.

דער קאמף געוואונען ווערן,
קנאה־שנאה פארגעסן,
פאר אלע מענטשן־קינדער
זיין ס'וועט ברויט זאט צו עסן.

וואס פאר א פרייד זיין דעמלט,
ווען געווערן אויפהערן,
איינס ס'אנדערע צו טייטן — —
אקער־אייזן גאר ווערן!

די גאנצענע ערד דעמלט,
א פעלד צייטיקע זאנגען —
אלע מענטשן באפרייטע,
און וועלט פול פרייד־געזאנגען —

עס צו דערגרייכן, גלות
גארער וועלט מיר געגאנגען —
אז פאלק צו פאלק שלום־האנט
איינס דעם צווייטן דערלאנגען.

די פרייד קענען דערגרייכן,
וויפל בלוט, וויפל טרערן — —
ס' ספר־הספרים דעמלט
וואס וועט געשריבן ווערן.

## ב. "גם אנחנו ככל הגוים" (שמואל־א ח', כ)

ביי די טייכן פון בבל
אויפגעהאנגען די הארפן,
פריי די הענט זאלן ווערן
שווערדן צו קענען שארפן?

צוויי טויזנט יאר מיט געזאנג
משיחן געגאנגען אקייגן,
אין "על חרבך תחיה"
זיך איצט צו איבערצייגן?

די תורה, משטיינסגעזאגט,
וואס דערצו מ'טוט באדארפן — —
אודאי, מאמע־לשון
מ'מוז קודם אוועקגעווארפן.

מיט הארציק־תחינהדיקן
מושטירט מען נישט סאלדאטן!
ממש זיך אויסצולאכן — —
מיט יידיש — קנאל הארמאטן!

זעקס מיליאן אויסגעהרגעט,
אנדערע זעקס זיך פארקריכן — —
אט־א דאס מיינט עס טאקע,
מ'האט זיך דערווארט אויף משיחן?

נישט מיט נביא — מיטן פאלק
האט גאט מסכים געוועזן —
(שטייט נישט אזוי בפירוש,
ך' שמואל א, ח, צו לעזן?)

ווארום גאולה עס מיינט
אלע פעלקער איינס ווערן,
און מיר איינס פון זיי! און קריג
אויף אייביק ס'וועט אויפהערן —

אפשר אלע באוואפנט?
זיך מורא האבן צו שלאגן
און איין פאלק מיט צווייטן
זיך מוז נעבעך פארטראגן.

## ג. גלות-גאנג

דעמלט ביי בבל-טייכן
אויפגעהאנגען אונז'רע הארפן,
פריי די הענט זאלן ווערן,
שפיז און שווערד צו קענען שארפן?

צוויי טויזנט יאר מיט געזאנג
משיחן געגאנגען אקעגן,
אין "על חרבך תחיה!"
זיך אצינד צו איבערצייגן?

די תורה, משטיינסגעזאגט,
וואס דערצו מ'טוט באדארפן —
אודאי, מאמע-לשון
קודם-כל מ'מוז אוועקווארפן.

מיט הארציק-מאמעדיקן
מושטירט מען נישט קיין סאלדאטן;
ממש זיך טויט צו לאכן — — —
מיט יידיש קנאלן הארמאטן!

זעקס מיליאן אויסגעהרגעט,
אנדערע זעקס זיך פארקריכן,
אט-א, דאס-א, מיינט עס
מ'האט זיך דערווארט אויף משיחן?

ס'מיינט גאולה-געראנגל
ככל הגוים צו ווערן —
ווערן ווי איינער פון זיי
און יידן צו זיין אויפהערן?

א, ניין, דאס קיינמאל נישט זיין!
תחינה-געוויין געטון הערן,
אויסלייזן יידיש פאלק, גאט
געטון טון הייליק שווערן —

גלות לאנגן געגאנגען —
טראט כלי-זיין גאנץ צעשטערן!
פאלק קייגן פאלק נישט גיין מער
באלאדנטע מיט געווערן.

• • •

עס האלט שוין אזוי ווייט,
מענטש אליין עס פארשטייט,
אויב די וועלט וועט נישט ווערן,
ס'גן-עדן — זיך אליין צעשטערן:

יעדער מינדסטער אטאם,
זיך עפענען א תהום,
גאנצע ערד איבערקערן
און ס'שלעכטן אויף איר אויפהערן.

## "אויב נישט נאך העכער"

א ליד איז א מין ניגון
דעם תוך ארויסצוקריגן;
דעם טיפסטן, דעם העכסטן צער
מיט געשוויג הויך צעשריגן.

פארגייענדיק פון זינען,
נאך ארויסצוגעפינען,
דאס שטילסטע, קלארסטע ווארט,
העכסטע מנוחה דערינען.

מיטן ריטמישסטן שוויגן
דעם טויט צו גיין אקיינן,
קריצן די ציין און שטילינק
פאר אים זיך פארנייגן.

אומשטערבלעך קענען בלייבן:
ס'פארמעט דערויף צו שרייבן
אייגענע הויט, די טינט — ס'בלוט,
לעצטער אטעם דער גלייבן.



א ליד מיינט וידוי זאגן,
זיך אליין אנצוקלאגן:
נישט דעם כוח געהאט ס'לעבן,
"אויב נישט נאך העכער" טראגן—

ווי נישט געוואוסט מיר האבן
ס'לעבן אדורכצוזשלאבן,
פונקט אזוי וויסן מיר נישט
וואס זיין נאכן באגראבן.

תחית-המתים מ'שטייט אויף,
אויב א זכר געבליבן,
ליכטיק לעבן צו בלייבן,
ווי טויט פינסטער געטריבן.

## א שמועס מיט זיך אליין

אנגעהויבן מיט מיר צו ריידן,
ווייל קיינעם נישט געגלויבט שוין מער;
איצט, אין מיר אליין שוין כ'גלויב אויך נישט
טוליעט זיך צו מיין באק די טרער.

ווען די לעצטע אראפפאלן וועט,
ס'הארץ בלייבן אזוי ליידיק, לער;
אליין מיר בלייבן דער פרעמדסטער כ'וועל
ווייטער אנגיין אזוי ווי שווער.

בלייב איך זיצן טרויעריק-פארשוויגן,
און א קול פון ערגעץ-וואו כ'הער:
ניין, נאך נישט דער סוף, אויב געבליבן
א שטיקל בענקשאפט, א שטילער באגער.

ביי דיינע יארן שוין גרויסע צייט
טון טון מיט קאפ א קאפ א קלער;
מיט א הארץ קענסטו גארנישט מאכן,
מיט קלוגשאפט — א קאפעטשקע מער.

כשר גערעכט, אמת וצדק,
דרייסט זיך אהין, דרייסט דיך אהער,
דאס בענקל אונטער דיר קנאקט — עס לאכט:
חכמה? וואו נעמט מען זי אהער?

## "תפארת שלמה"

ווען דער הייליקער "תפארת שלמה"
תורה ביים טיש גענומען זאגן,
האט מען בפירוש ממש געזען
שכינה הקדושה איבער זיין קאפ,
פלאם-פייערדיק זיך ארומטראגן:

מ'האט געזען, פשוט טאקע געפילט,
א גאט איבער דער וועלט פאראנען!
אלצדינג וואס ער טוט איז צום גוטן
מיט אלע חושים טיף דערפילט,
מיט הארץ און מוח עס פערשטאנען.

(נשתנה ס׳איז זיין קול געווארן,
ס׳פנים פון א מלאך־אלקים,
מיט כביכול ער וואלט גערעדט —
פון זיין האלז ארויס ס׳האט זיך געהערט
אזא הייליק־הימלישע שטים).

״ויצא משה לפני אחיו״ —
משה רבינו ארויסגעגאנגען
איז פאר זיינע ברידער — נאר אזוי
מ׳קאן א פאלק דערפירן צום סיני,
העכסטע הייכן עס זאל דערלאנגען״ —

ווי יידישלעך פארזיווגט א ווארט,
ממש לב־אחת זיין אינגאנצן;
אז אלע איין גוף און איין נפש,
אחדותדיק ארומגענומען זיך,
איין קדוש־קדוש־ריקוד טאנצן.

בפירוש געזען ווי יעטוועדער ״פאל״
הויך צום הימל טוט זיך דערהויבן:
מלאכים ארום כסא־כבוד,
׳קדוש, קדוש!״ פליגל צעפלאטערט,
טאנצנדיק, זינגענדיק, גאט לויבן —

עס איז דער גאנצער עולם ארום
אויף די פענסטער ארומגעהאנגען,
ווען דער ״תפארת שלמה״ מיט די
יושבים שוועבנדיק פארטיפט, פארמוחט,
טאנצנדיק ממש ארויסגעגאנגען.

דאס געזאנג — אט לאכט עס, אט וויינט עס —
ארום שולחן א רעגנבויגן — —
אזוי גייט א גאנץ פאלק א טאנץ
פון גלות משיחן אקעגן,
ביי די גארטלען ארויסגעצויגן —
— — — — — —

ווען דער הייליקער ״תפארת שלמה״
ביים טיש ״תורה״ גענומען זאגן,
האט מען ממש געהערט און געזען
ווי הערצער ארום איין גאט־ניגון,
געהייליקטע צום טאקט טון שלאגן.



שלום אש —

## די טויבען פון סקווער

[א טייל פון דער דערציילונג]

איבער דעם בעלעבטען סקווער פון לאנדאן, אויף וועלכן עס שטעט דער בערימטער דענקמאל פון אדמיראל נעלסאן, האבן זיך פון קדמונים־אן אויפגעהאלטן טויבען. די טויבען מאכען זיך זייערע נעסטען אין די הויכע געזימסען פון דעם וועלט־בארימטן קונסט־מוזעאום, די נאציאנאל גאלעריי, וואס שטייט אין פראנט פון סקווער, וואו עס איז אויסגעהאמערט פון שטיין די גרויסע פיגורען פון די גריכישע געטער און געטינס. די טויבען זשענירען זיך נישט און מאכן זיך זייערע היימען צווישן די געטער, אפילו אונטער דעם הוט פון גרויסן אדמיראל, פון דעם נאציאנאלן העלד, האבן זיי זייערע נעסטן. שוין אבגערעדט, אז זיי בענוצן זיינע ברייטע שליפענע אקסלען פאר א גוט אפרוהפלאץ נאך א גאנצן טאג ארומלויפן.

איבער דער סקווער וואהנען די טויבן פון ווייטע, לאנג־פארגעסענע יארן. די טויבן זענען אזוי צוגעווינט צו דער שטאדט, אז זיי אנטלויפן נישט פאר די מענשען. זיי האבן זיך אפגעלערנט אראפצועסען פון מענשענס הענד, אדער פון די קינדער, וועלכע די מאמעס ברענגען אהין מיט קרישעלעך ברויט די טויבען צו שפייזען. עס געפינען זיך אזעלכע ״משוגעים״, וועלכע זאמלען געלד אין די קירכעס פאר שפייז צוליב די טויבען פון סקווער, און טראגען זיי יעדען טאג זייער טאג־טעגליכע חיונה. זיי זענען אזוי צוגעוואהנט צום רעש און געפילדער פון׳ם בעליעבטסטען סקווער פון שטאדט, אז זיי שטעלען זיך אויף די גאזעסען, אויף די באטארען פון די אויטאבוסען, וועלכע לויפען אדורך אין די הונדערטער צו יעדער צייט פון טאג דורך דעם סקווער. זיי פליהען ארונטער געריכט אונטער די רעדער אויפצופיקען א ברעקעלע, אדער שטעלען זיך אפ אויפ׳ן טראטואר אין מיטען געדרענג פון די מענשען, פליהען פערביי די דורכאייענדע אויטאמאבילען און עס דאכט זיך, אז אט־אט ווערט די טויב איבערגעפאהרען, ווערט די טויב צוקוועטשט אונטער׳ן ראר, צוטראטען פון מענשענטריט. אבער עס טרעפט קיינמאל נישט, אז מען זאל א טויב איבערפאהרען, צוקוועטשען, צוטרעטען, אדער עס זאל ווער׳מען איינפאלען א טויב צו כאפען. זיי זיינען אזוי געניט, אזוי איינגעוואהנט צו דעם האסטונגען רויש און וועלכען זיי לעבען, אז זיי מיידען־אויס דעם טויט פון פאר די אויגען, און געהען־ארויס פון אונטער די אויטאמאביל־רעדער אונבעריהרט.

דאס רוב פון די טויבען זיינען טאקע געבוירענע און אויסגעהאדעוועטע אין סקווער. זייערע עלטערן האבען זיי אויסגעבריהט אין די רעדער פון 'זעאוס' רייטוואנען, אדער צווישן די שענע פיס פון "אפאלא", וואס איז אויסגעסקולפ־טירט אין דעם גריכישן געזימס איבער דעם קינגס־מוזעאום, וואס שטעהט אין סקווער. אנדערע ווידער האבען געזעהן דעם טאג־שיין אין דעם הוט פון אדמי־ראלישן דענקמאל, אדער אויף די פלייצעס פון "נאציאנאלען העלד". אפטמאל מאכט זיך, אז א "זי" פון די סקווער־טויבען לאזט זיך ארויס פון שטאדט און פערפיהרט אן "ער" פון דארף אין שטאהט אריין. די פרעמדע טויב פרוווט זיך איינלעבען מיט די שטאדט־טויבען, אין רעש פון שטאדט. טיילמאל טרעפט, אז אזא פרעמדע טויב פון דארף געוואהנט זיך ביסלעבוויז איין צום שטאדט־לעבען, לערנט זיך אויס צו ליגען צווישן די אויטאמאבילען־רעדער. אבער אין מעהרסטע פאלען ווערען די פרעמדע טויבען פערשוואונדען. אדער זיי פליהען צוריק אין די דערפער, פון וואנען זיי זענען געקומען, אדער מען געפינט זיי אין א פאר טעג ארום צוקוועטשטע צווישען די רעדער פון די אויטאבוסען, אדער אויסגעמוטשטערהייט פאלען זיי אראפ מיעדע פון הויבען פיעדעסטאל, אויף וועלכען עס שטעהט די פיגור פון אדמיראל, און בעשפריצען מיט זייער בלוט דעם טונקעלען פערשטויבען מארמאר פון דעם בעשטאנד. נאר קיינער בעמ־ערקט עס נישט און קיינער זעהט דאס נישט.

אז עס קומט פארנאכט, ווען די זון הויבט זיך אן צו זעצען ערגעץ ווייט אונטער דער שטאדט, און אין דער שטאדט אליין ווייסט מען נאר דערפון, וואס מען הויבט אן אנצוצינדען די גאסען־לאמפען, בעהאלטען זיך די טויבען אין זייערע געסטען, זוכען שוץ צווישען די גריכישע "געטער" און "געטינס" פון מוזעאום־געזימס, אין דעם גרויסען הוט פון ארמיראל נעלסאן...

---

די קומענדיק פיר שבתים, וועט מען יעדן, שבת ביי די יידיש ליטע־ראריש שבת־נאכמיטאגס, ריידן איבער שלום אש'ס ליטעראריש שאפן און לייענען פון זיינע דערציילונגען ראמאנען און דראמעס.

---

אין בעלפאסט אוניווערסיטעט, צפון אירלאנד, וועט דוד קאץ האלטן דעם חודש א סעריע יידיש־לעקציעס אין דער גערמאנישער אפטיי־לונג.